בסיעתא דשמיא

גליון פרדס התורה

שמיני עצרת - שמחת תורה

תשפ"ז

אידיש

נתנדב לזכות הרבים

# א קוואל פון חיזוק



הושענא רבה • שמיני עצרת ושמחת תורה •

בדרכי רבותינו • התחזקות למעשה

**פרנס הגליון**

נתנדב לז"נ

הרה"ק רבינו **יואל**

בן הרה"ק רבינו **חנני' יו"ט**

**ליפא** זצוקללה"ה מסאטמאר

ע"י **הרוצה בעילום שמו** הי"ו

ולזכות ברכה והצלחה בכל ענינים




# י"ל ע"י מערכת 'פרדס התורה' לכתיבת ועריכת שיעורי מורינו הרב שליט"א

◆ ◆ ◆

הגליון יצא לאור בהסכמת גדולי ישראל בארץ הקודש, דייני העדה החרדית, וגדולי רבני ארה"ב

(ההסכמות במילואם נמצא בספר 'טבריא של מעלה' שיצא לאור ע"י מורינו הרב שליט"א)

◆ ◆ ◆

**די גליונות קען מען באקומען ביי די פאלגענדיגע לאקאלן:**

**בארא פארק**

ביהמ"ד שומרי שבת

5302 13 Ave.

ביהמ"ד עדת יראים וויען

1350 50 St.

ביהמ"ד הדרת קודש סוואליווע

4801 15 Ave.

**וויליאמסבורג**

בנין בראך למטה לאקער #405

Bedford Cor. Park

כתר רזשודעיקא

801 Bedford Ave.

מאורות

218 Wallabout St.

**מאנסי**

ביהמ"ד וויעהיל

101 W Maple Ave.

שיינער'ס שול

18 Forshay Rd.

**קרית יואל**

כתר רזשודעיקא

97 Acres Rd.

**לעיקוואד**

כתר רזשודעיקא

12 America Ave.

ביהמ"ד סאטמאר

405 Forest Ave.

ביהמ"ד צאנז קלויזענבורג

25 Havens Ave.

ביהמ"ד בעלזא

44 Grove Springs Ct.

טאמס ריווער

ביהמ"ד קהל בני יששכר

1767 Whitesville Rd.

**פלטבוש**

MB VINEYARD

3012 AVE J

◆ ◆ ◆

©

להצטרפות קבלת שיעורי מורינו הרב שליט"א והגליונות באימייל, ניתן לפנות:

shiurimlishmo@gmail.com

להצטרפות קבלת הגליונות לבד באימייל, ניתן לפנות:

pardesgilyones@gmail.com

# פרדס התורה

שמיני עצרת -
שמחת תורה תשפ"ו
גליון 48

אידיש

שיעורי
הרה"ג רבי יששכר יהודה
בערקוי שליט"א
אב"ד פרדס התורה
מח"ס שו"ת יהודה מחוקקי


זכות פטרון השנה נתנדב לעילוי נשמת
אלטע פערל רויזא בת הרה"ח ר' חיים משה ע"ה
נפטרה ו' ניסן תשפ"ו אחר קבלת יסורים באהבה ובאמונה ובטחון,
והיתה למופת לזה לכל משפחתה ומכירי' • ת.נ.צ.ב.ה.

## בפתח היו"ט

# די געוואלדיגע אוצר פון שמיני עצרת ושמחת תורה: ימי עולם הבא אויף דער וועלט

### לילה כיום יאיר

בעזרת השם יתברך, מיר גייען יעצט אריין אין די טעג פון ימי עולם הבא.

דער הייליגער **ווילנער גאון** זי"ע זאגט, אז **שמיני עצרת איז מרמז אויף "עולם הבא"**. ווייל שמיני עצרת איז מספר 8, צו מרמז זיין וואס שטייט אין די גמרא (ערכין יג, ב) "למנצח על השמינית", וואס דאס מיינט די "כינור פון ימות המשיח", וואס איז אויכעט פאר דוד המלך ע"ה וואס וועט זיין פון 8 שטריקן לעתיד לבוא אין בית המקדש, און **דאס איז מען שוין יעצט זוכה אין דעם הייליגן יו"ט פון שמיני עצרת**.

דער הייליגער **'חידושי הרי"ם'** זי"ע האט געזאגט, אז שמיני עצרת איז די מספר פון 8. די וועלט ווערט אנגערופן "שבעת ימי הבנין", וואס דאס גייט ארויף אויף די זיבן טעג פון סוכות. אבער ווען אונז גייען יעצט אריין אין שמיני עצרת, גייען מיר אריין למעלה מן הטבע, אין די טעג פון לעתיד לבוא. ביי אלטע חסידים האט מען טאקע געוואוסט, אז די דריי טעג פון הושענא רבה, שמיני עצרת און שמחת תורה, זענען געווען טעג וואס מען האט נישט געגעסן, נישט געטרונקען און נישט געשלאפן.

מיר זעען שוין אז דער **'מגן אברהם'** ברענגט אראפ פונעם **אר"י הקדוש**, אז שוין פון תיקון ליל הושענא רבה פלעגט מען נישט שלאפן א גאנצע נאכט, נאר מען איז געווען אויפגעוועקט עוסק זיין בתורה ובתפילה, ווי עס ווערט אויך אראפגעברענגט אינעם **של"ה הקדוש**, און אזוי אויך אין די הייליגע טעג פון שמיני עצרת און שמחת תורה. די עבודת ההקפות, כידוע ביי צדיקים, איז געווען א בחינה פון 'לילה כיום יאיר'. עס קומט אויס, אז דאס זענען טעג וואס מיר זענען בפועל מנותק פון גשמיות און עוסק אין עניני עולם הבא, מען פרייט זיך מיט די הייליגע תורה.

דער הייליגער **'עטרת יהושע'** זי"ע ביי די הייליגע הקפות האט געזאגט, אז די 3 טעג שטייט אין מגילת אסתר "ותאמר אסתר למרדכי כנוס את כל היהודים הנמצאים בשושן", **שוש"ן איז די זעלבע אותיות פון דאס ווארט ששו"ן, וואס דאס מיינט צו מרמז זיין אויף די טעג וואס אידישע**

אינעם גליון:


3 בפתח היו"ט
5 הושענא רבה
11 שמיני עצרת ושמחת תורה
18 הקפות
23 בדרכי רבותינו
28 התחזקות למעשה

**קינדער פרייען זיך, "אל תאכלו ואל תשתו שלשת ימים ולילה", מען עסט נישט געהעריג און מען טרינקט נישט געהעריג אין די טעג, נאָר מען איז עוסק אין עבודת השם.**

## ביטול כח השטן דורך די שמחה פון "אך שמח"

דער הייליגער **'חתם סופר'** זי"ע אין די דרשות (דרוש ט' שנת תקפ"א) זאגט אויפ'ן פסוק (דברים טז, טו) "וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ". וואס באדייט דאס לשון 'אך'? 'אך' איז דאך א מיעוט?

נאָר דאס קומט לערנען אז **עס זענען נישטא קיין מצוות מעשיות בפועל, נאָר מען פרייט זיך בלויז מיט די תורה הקדושה.**

דער הייליגער חתם סופר זאגט א דבר נורא. אין **זוהר הקדוש** שטייט, אז יום כיפור, דורך דעם וואס מען האט געגעבן דעם שעיר לעזאזל, האט מען געגעבן שׂוחד פאר עשׂו. עס שטייט אין זוהר הקדוש אז דער ס"מ איז נטרד געווארן, און דעמאלטס "ויעקב נסע סוכותה" - אידישע קינדער גייען אריין אין די סוכה.

זאגט דער הייליגער חתם סופר, ווען עשו איז נטרד געווארן יום כיפור, איז ער נאך נישט געווארן אינגאנצן נטרד, מען דארף נאך ארבעטן. אבער **דורך דעם יו"ט סוכות ווערט ער בטל לגמרי.** ווען עס קומט שמיני עצרת, זאגט דער הייליגער חתם סופר, דעמאלטס איז דער גמר, און מיט די שמחת התורה וואס מען פרייט זיך אין דעם טאג, גייט מען מבטל זיין דעם ס"מ אינגאנצן.

## די כוח התפילה און קבלת התפילות אין די הייליגע טעג

מיר גייען יעצט אריין אין טעג וואס די תפילות ווערן נתקבל באופן שאין לנו השגה. דער הייליגער **זוהר הקדוש** שרייבט אזוי אויף דעם הייליגן טאג שמיני עצרת (פרשת נח דף ס"ד עמוד ב'): **"ובעוד דאינון בלחודייהו עם מלכא"** - בשעת אידישע קינדער זענען זיך מייחד שמיני עצרת ביי די סעודה קטנה מיט'ן מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא. ווייל די שרים האט מען שוין אוועקגעשיקט, מען האט שוין מקריב געווען די ע' פרים און מכניע געווען די אומות העולם און זיי שוין אוועקגעשיקט.

יעצט, שמיני עצרת און שמחת תורה, זענען מיר עוסק אין די סעודה קטנה כביכול מיט'ן אייבערשטן אליין; דעמאלטס ביי די סעודה איז מען זוכה, זאגט ווייטער דער זוהר הקדוש, "שאיל ליה כל צרכוהי ויהיב ליה" - דו קענסט בעטן פונעם אייבערשטן וואס דו ווילסט, און די תפילות ווערן נתקבל.

דער הייליגער **'שר שלום'** פון **בעלזא** זי"ע האט געטייטשט אויפ'ן פסוק (במדבר כט, לה) "בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי עֲצֶרֶת תִּהְיֶה לָכֶם", זאגט דער תרגום: "כנישו תהא לכון". אין זוהר הקדוש שטייט "כנישה דכולא". פרעגט דער הייליגער שר שלום: וואס מיינט דאס אז מען זאַמלט צוזאם? זאגט ער, אז **אין דעם הייליגן טאג שמיני עצרת און שמחת תורה זאמלט דער רבוש"ע צוזאמען אלע תפילות און תחנונים פון די הייליגע טעג, אלע מצוות, און יעצט גייט עס ארויף.**

ער זאגט ווייטער, אז **אפילו איינער וואס האט נישט געדאווענט ווי עס דארף צו זיין, אדער נישט געטון די מצוות כראוי, יעצט גייען ארויף די אלע תפילות און מצוות.**

זאגט ער ווייטער: עס זענען דא שצ"ח חלונות ברקיע - אין הימל זענען דא 390 חלונות, וואס דאס איז די גימטריא פון שמי"ם. עס זענען אויך דא שצ"ח רקיעים, הימלען, כמנין שמי"ם. מיר דארפן דאווענען אז די תפילות זאלן נתקבל ווערן, און דאס איז דער פשט "ואתה תשמע השמים" - אז די תפילות זאלן ארויפגיין דורך אלע חלונות און רקיעים וואס זענען בגימטריא שמים.

זאגט דער הייליגער שר שלום: שמיני עצרת, **דאס ווארט "עצרת" איז בגימטריא שצ"ח** (מיט'ן כולל), **דאס איז די מספר פון "שמים", ווייל שמיני עצרת זענען אלע טויערן אפן און עס איז א זמן פון קבלת התפילות.**

## עצרת – ווען אלע אויפגעהאלטענע תפילות גייען ארויף

די **גמרא** זאגט אין מסכת סוכה (מ"ח) אז שמיני עצרת איז א "רגל בפני עצמו לענין פז"ר קש"ב". האט דער הייליגער **רבי ר' מענדלע** זי"ע געטייטשט: פז"ר מיינט די אלע תפילות וואס זענען געווען צושפרייט א גאנץ יאר; ווען עס קומט דער הייליגער טאג שמיני עצרת, דעמאלטס איז מען זוכה אז די תפילות ווערן נתקבל. איך וועל מיך אנטשולדיגן, די זאך שטייט אין ספר שובע שמחות; אבער די זעלבע בחינה שטייט אויך פונעם הייליגן **'תפארת שלמה'** זי"ע.

דער תפארת שלמה זאגט אויפ'ן פסוק "ביום השמיני עצרת תהיה לכם": **"ביום השמיני" - דעם אכטן טאג, "עצרת" - אלע תפילות וואס זענען געווען אויפגעהאלטן - מלשון 'נעצר', "תהיה לכם" - זיי וועלן שוין מער נישט זיין אויפגעהאלטן נאָר ארויפגיין.**

### שמיני עצרת איז מרמז אויף די 515 תפילות פון משה רבינו

דער הייליגער **אוסטראווצער גאון** זי"ע זאגט א הפלא'דיגן חשבון. מיר ווייסן אז משה רבינו האט געדאווענט תקט"ו (515) תפילות, און דער רבוש"ע האט אים געבעטן ער זאל נישט דאווענען מער, ווייל אויב יא וועלן די תפילות נתקבל ווערן און דאס איז נישט קיין טובה פאר כלל ישראל, און משה רבינו האט מסכים געווען.

פרעגט דער הייליגער אוסטראווצער גאון: **פארוואס פונקט תקט"ו תפילות?**

ער זאגט אז פון ראש השנה ביז שמיני עצרת אינדערפרי זענען דא תקט"ו שעות. מיר ווייסן אז ביז שמיני עצרת דאווענען מיר "ביום ראש השנה יכתבון וביום צום כיפור יחתמון". הושענא רבה שטייט אינעם **זוהר הקדוש**, ווי עס איז מבואר אינעם **אר"י הקדוש**, אז מען גיבט איבער דעם קוויטל פאר די מלאכים, אבער די מלאכים האבן נאך נישט קיין רשות ארויסצוגיין. אבער **שמיני עצרת בייטאג, דעמאלטס האבן די מלאכים רשות ארויסצופירן די שליחות.**

זאגט דער אוסטראווצער גאון, אז דאס זענען די תקט"ו תפילות וואס משה רבינו האט געדאווענט, וואס איז פונקטליך דער מנין - 515 שעה - פון ראש השנה ביז שמיני עצרת אינדערפרי. האט דער רבוש"ע געזאגט פאר משה רבינו: "אויב דו וועסט דאווענען נאך איין תפילה און אריינדאווענען אין שמיני עצרת בייטאג, וועט דיין תפילה נתקבל ווערן, אבער עס איז נישט קיין טובה פאר כלל ישראל".

אבער, זאגט דער הייליגער אוסטראווצער, אז **פאר אונז כלל ישראל איז יא איבערגעבליבן דער כוח אז מיר זאלן מוסיף זיין די תפילה.**

**מיר שטייען יעצט אין אָט די 515 שעות! מיר גייען יעצט מוסיף זיין בתפילה ותחנונים פארן בורא כל עולמים!**

און בעזה"י וועלן מיר פועל'ן אלעס גוטס, אמן!

# הושענא רבה

## א נייע חתימה טובה

### די מצוה פון ערבה און די הקפות אין בית המקדש

אין די **משנה** אין מסכת סוכה (פ"ד, משנה ג') טרעפן מיר אז די מצוה פון נטילת ערבה איז אן הלכה למשה מסיני. היינטיגע צייטן איז עס א מנהג נביאים, אבער בזמן שבית המקדש היה קיים איז עס געווען אן הלכה למשה מסיני. און דעם זיבעטן טאג, יום הושענא רבה, האט מען מרבה געווען מיט הקפות ארום דעם מזבח.

דער הייליגער **'בית יוסף'** (סי' תרס"ד) איז מסביר, אז וויבאלד די גמרא זאגט אז יום השביעי לערבה - דער זיבעטער טאג פון ערבה - האט דוחה געווען שבת אפילו ווען עס איז געפאלן אין שבת. ווי די גמרא עקלערט, האט מען געמאכט א יום מיוחד פארן ערשטן טאג פון לולב, און א יום מיוחד פארן לעצטן טאג פון ערבה. ממילא, וויבאלד יום השביעי לערבה איז דוחה שבת ווען עס געפאלט אין שבת, האט מען אין יענעם טאג מרבה געווען צו מקיף זיין דעם מזבח זיבן מאל. מיר זעען שוין פון דא אז יום הושענא רבה איז א יום מיוחד.

די לשון המשנה (שם, משנה ה') איז: **"בכל יום מקיפין את המזבח פעם אחת, ואומרים אנא ה' הושיעה נא אנא ה' הצליחה נא". "רבי יהודה אומר"**, רבי יהודה זאגט, מען פלעגט זאגן **"אני והו הושיעה נא"**.

ווי **רש"י** איז מסביר, קומט דאס ווארט "והו" פון די דריי פסוקים וואס שטייען אין פרשת בשלח ביי קריעת ים סוף. די דריי פסוקים - דער ערשטער פסוק הויבט זיך אָן "ויסע", דער צווייטער "ויבא", און דער דריטער פסוק הויבט זיך אָן "ויט" - פארמאגן אין זיך צוויי און זיבעציג אותיות, כמנין דעם שם ע"ב. דאס איז דער שם פון 'חסד', וויבאלד **'חסד' איז בגימטריא ע"ב**, און דערפאר פלעגט מען יעדן טאג זאגן "אנא ה' הושיעה נא" כדי מעורר צו זיין דעם שם ע"ב, די מדת החסד.

זאגט ווייטער די משנה: **"ואותו היום"** - הושענא רבה - **"מקיפין את המזבח שבע פעמים"**, מען

איז מקיף דעם מזבח זיבן מאל. קומט דער ירושלמי און איז מבאר פארוואס מען האט מקיף געווען דעם מזבח דוקא זיבן מאל.

זאגט דער **ירושלמי**: **"אמר רב אחא"**, רב אחא האט געזאגט, **"זכר ליריחו"** - א זכר צו יריחו, וואס דארט האט מען ארומגענומען די שטאט זיבן מאל, מען האט געבלאזן שופרות, און דורך דעם איז איינגעפאלן די חומת יריחו. די זעלבע זאך דא אויך: **מיר גייען מקיף זיין דעם מזבח - און היינטיגע צייטן אלס זכר גייט מען ארום די בימה** (זעה שפעטער איבער דעם), **מיר גייען מפיל זיין די חומת יריחו, און אונזערע תפילות וועלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון.**

## די עבודה פון די הקפות ארום די בימה און דעם מזבח

יעדער פארשטייט אבער אז דער 'נסתר' דא איז פיל מער פונעם 'נגלה', ווייל מען דארף פארשטיין: **וואס איז אזוי מיוחד אין דעם טאג הושענא רבה אז מען האט אזוי מרבה געווען? עס איז משמע אז מען דארף דא עפעס עקסטער פועל'ן.**

ווען מען קוקט אריין אין **'לבוש'** (סי' תרס"ד), זאגט דער הייליגער לבוש אז לויט דעם וואס מיר האבן געשמועסט אז מען האט מקיף געווען דעם מזבח אלס א זכר צו חומת יריחו, פארשטייט מען אויך וואס דער מנהג איז היינטיגע צייטן אז מען גייט ארום די תיבה, די בימה.

דער לבוש ברענגט אראפ א פסוק וואס דארט שטייט צוויי מאל דאס ווארט "אסובבה". אין פסוק זאגט (שה"ש ג, ב) "אָקוּמָה נָּא וַאֲסוֹבְבָה בָעִיר", און דער צווייטער פסוק זאגט (תהלים כו, ו) "וַאֲסֹבְבָה אֶת מִזְבַּחֲךָ ה'". זאגט דער הייליגער לבוש: וויבאלד "הסובב בעיר" - איך האב ארומגענומען די שטאט יריחו, ממילא וועל איך אויך מסובב זיין "מזבחך ה'". זאגט דער לבוש, אז **דערפאר פירט מען זיך צו מסובב זיין די תיבה.**

מען דארף אבער פארשטיין, **וואס איז די ספעציעלע שייכות פון די תיבה אין בית המדרש קעגן דעם מזבח?**

קומט דער **'סדר היום'** (ער איז געווען פון די גורי האר"י) און זאגט: **"התיבה לנו במקום מזבח"**. פארוואס? **"שכמו שבמזבח היו נקרבין הקרבנות ועולין לריח ניחוח, כך אנו מקריבין תפילותינו שהם במקום הקרבנות, על ידי שליח ציבור שיעלה לריח ניחוח"**. (און דער מנהג פון אחינו בני ישראל הספרדים איז צו דאווענען אויפ'ן בימה וואס מען לייענט דעם ספר תורה).

א צווייטער טעם שטייט אין **ב"ח**. דער ב"ח שרייבט אז וויבאלד די גמרא זאגט אז **"אותו היום"** האט מען געזאגט **"אנו לקה ועינינו לקה"**. ווען מ'האט זיך געזעגנט פונעם בית המקדש האט מען געזאגט אז מיר זענען צום אייבערשטן. זאגט דער הייליגער ב"ח אז די ספר תורה איז **"כולו שמותיו של הקדוש ברוך הוא"**. ממילא, ווען מען איז מקיף די בימה, איז עס א רמז זיך צו דערמאנען וואס מען האט געזאגט אין בית המקדש "אנו לקה ועינינו לקה".

ער ברענגט אראפ דעם מנהג **"ונהגו להקיף את הבימה"**, און ער זאגט **"מוציאין ספר תורה מן ההיכל"** און מען לייגט עס ארויף אויף די בימה. נאכדעם לייגט ער צו: **"כשמקיפין אותה"** - ווען מען איז עס מקיף - **"כי שמיעת התורה היא מכפרת עלינו כמו המזבח"**.

## די הקפות צו מפיל זיין חומת יריחו

קומט דער **אר"י הקדוש** אין 'ליקוטי תורה' (פ' אמור, ד"ה בסוכות תשבו) און זאגט: **"עושין הקפה להפיל חומת ברזל המפסקת בינינו לבין אבינו שבשמים, כענין הקפת יריחו להפיל החומה"**. דער אר"י הקדוש לערנט אונז אז די הקפות ארום דעם מזבח אין בית המקדש, וואס דער ירושלמי זאגט אז עס איז א רמז צו די זיבן הקפות פון יריחו, ווייזט אונז אז מען דארף דא צוברעכן די חומה של ברזל, און עס איז א יום מיוחד פאר תפילה.

דער אר"י הקדוש פירט אונז אריין אין דעם טאג הושענא רבה און זאגט אונז אז מען דארף אין דעם טאג מער בעטן. בעזרת השם וועלן מיר זען ווי דער אר"י הקדוש ברענגט פונעם זוהר הקדוש און פון די ראשונים פארוואס דער טאג איז אזוי ספעציעל אלס א יום תפילה.

## דער טעם פון די זיבן הקפות

**וואס איז דער ביאור הענין, אז דוקא אין דעם הייליגן טאג הושענא רבה דארף מען ברעכן אלע חומות של ברזל?**

דער הייליגער **מהרש"א** אין מסכת סוכה (מה, ב) זאגט אויך על דרך זה אויפ'ן ירושלמי, אז די הקפות המזבח זענען צו מפיל זיין חומות יריחו. ער זאגט דארט: **"כוונת ההקפה שישמרנו הקל מסביב מצרינו"**. מיר מאכן א הקפה - א רינג ארום און ארום - כדי מרמז צו זיין: רבוש"ע, מיר דאווענען אז אלע שונאים וואס רינגלען אונז ארום זאלן אוועקפאלן.

זאגט ווייטער דער הייליגער מהרש"א, **"והוא בעצמו ענין**

**הקפת יריחו ששה ימים בכל יום פעם אחת, וביום השביעי ז' פעמים למפלת אויבים**". דאס איז געווען די סיבה פארוואס מען האט ארומגענומען יריחו דייקא מיט א רינג, מען האט עס מסבב געווען מיט שופרות און מיט די כהנים דוקא אין א פֿאָרעם פון א רינג, מרמז צו זיין אז דער רבוש"ע זאל אונז מציל זיין פון די שונאים וואס נעמען אונז ארום. ער זאגט ווייטער אז אויף דעם טוען מיר אויך די הקפות המזבח, "**על שם הכתוב ואסובבה את מזבחך ה' כי התם בירוחו פעם אחת בכל יום וששת ימי החג**".

פונקט ווי ביי יריחו האט מען יעדן טאג ארומגענומען יריחו איין מאל, אזוי ארומגייען מיר דעם מזבח איין מאל א גאנצן יו"ט. און פונקט ווי ביי יריחו האט מען דעם זיבעטן טאג ארומגענומען זיבן מאל, די זעלבע זאך דא ביי יו"ט סוכות, דעם זיבעטן טאג גייען מיר ארום זיבן מאל.

ענדיגט צו דער מהרש"א: דער פסוק זאגט (תהלים יב, ט) "סָבִיב רְשָׁעִים יִתְהַלָּכוּן", אז מיר גייען מאכן א רינג און דורך דעם גייען מיר מכלה זיין די רשעים. זאגט דער הייליגער מהרש"א, מיר גייען מקיף זיין דעם מזבח זיבן מאל און די בימה זיבן מאל מיט אַן ערבה, און נאכדעם נעמט מען די ערבה און מען קלאפט עס אויס. דאס מיינט מען מרמז צו זיין מיט א 'חבטה' - א קלאפ פאר די רשעים.

דאס איז דער פשט אין פסוק: "**סָבִיב רְשָׁעִים" - איך גיי ארומרינגלען די רשעים דאס טייטשט דורך די הקפה פון זיבן מאל, און דורך דעם "יִתְהַלָּכוּן" - זיי זאלן זיך אלע צוגיין.**

ער זאגט אויך אז 'יתהלכון' איז א לשון פון 'יכלו', זיי גייען אלע ווערן אויס. עכ"פ, מיר זעען דא אז דער סתר איז רב מן הגלוי. אז און אין דעם טאג הושענא רבה טוען זיך אפ גאר גרויסע זאכן. לאמיר זען וואס עס שטייט פונעם הייליגן אר"י הקדוש בשם דעם זוהר הקדוש און פון די ראשונים וועגן די גרויסקייט פון דעם טאג.

## "הוי מחשב שכר מצוה כנגד הפסדה"

מיר ווילן דא נאכאמאל איבערחזר'ן דעם יסוד וואס מיר האבן שוין געזאגט ביי די פארגאנגענע שיעורים. איבער דאס וואס די **משנה** אין אבות (פ"ב, מ"א) זאגט אז כדי א מענטש זאל וואקסן אין עבודת השם, דארף ער מחשיב זיין "שכר מצוה כנגד הפסדה" - דעם שכר פון א מצוה קעגן דעם הפסד פון אַן עבירה.

ווי דער הייליגער **רבי ר' מענדלע רימנובער** זי"ע מיט'ן **'באר מים חיים'** זי"ע זאגן, אז **ווען א איד וואלט געוואוסט וואס ער טוט אויף מיט א מצוה, ווי עס דערלייכט זיין נשמה, ווי עס מאכט א מענטש בשמחה, און עס דערפרייט כביכול דעם אייבערשטן און מאכט אים א נחת רוח - אפילו ווען ער וואלט נישט געוואוסט דעם שכר בזה ובבא, וואלט א מענטש געלאפן טון מצוות און ער וואלט קיינמאל נישט געטון קיין עבירות!**

ווען מיר זעען די גרויסקייט וואס טוט זיך דא אפ הושענא רבה, אפילו מיר פארשטייען נישט אלעס, אבער די עצם זאך אז די ספרים הקדושים רעדן מיט אזא קאך און מיט אזא ברען, און מיר זעען אז דא שטייען דברים סתרים און באהאלטענע זאכן, דאס אליינס איז מעורר אז מען זאל דאווענען מיט כוונה און מיט התלהבות.

## די מנהגים פון הושענא רבה אלס א המשך פון יום כיפור

לאמיר אויפמאכן א **טור** און **שולחן ערוך** סימן תרס"ד, און מען וועט זען פלא'דיגע זאכן וואס טוט זיך דא על פי יום הושענא רבה.

זאגט דער הייליגער טור, אז הושענא רבה זאלסטו וויסן "**נוהגין באשכנז שמרבים במזמורים כמו ביו"ט**". דאס טייטש אז מען גייט זאגן פסוקי דזמרה אזוי ווי יעדן יו"ט, "**ואומרים קדושה רבה במוסף**". ביי די אשכנזים זאגט מען 'נעריצך', ביי די ספרדים זאגט מען 'כתר', און מען זאגט דעם גאנצן נוסח.

נאך א זאך זאגט דער טור: "**מרבים קצת בנרות כמו ביום הכפורים**". זאגט דער הייליגער טור אז הושענא רבה האט א קשר מיט יום כיפור, און וועגן דעם זאל מען מרבה זיין מיט לעכט. אין **מהרי"ל** און אין נאך ראשונים שטייט, אז מען נעמט די 'שיורי הנרות' פון יום כיפור און מען צינדט עס אן יעצט הושענא רבה.

אין דרכי משה ברענגט ער אראפ פונעם מהרי"ל, אז דער "**מהרי"ל היה נוהג ללבוש הקיטל, כמו בראש השנה ויום כיפורים**". נאך א זאך ברענגט ער פונעם מהרי"ל: "**יש נוהגים לטבול קודם עלות השחר**", אזוי ווי טבילת ערב יום הקדוש און ערב ראש השנה, און ער ברענגט אז "**והצנועים נוהגים בטבילה זו**".

מען קוקט אריין אין שולחן ערוך, דער מחבר זאגט "**נוהגים במזמורים כמו ביו"ט**", און ער זאגט "**מרבין קצת נרות כמו ביום כיפורים**". און דער **רמ"א** ברענגט אראפ די הלכה פונעם מהרי"ל אז "**המדקדקים נוהגים לטבול קודם עלות השחר, כמו בערב יום כיפור, ויש נוהגים ללבוש הקיטל**".

דער רמ"א לייגט צו אז אויך ביי הכנסת ספר תורה, ווען מען נעמט ארויס דעם ספר תורה ביי הוצאה והכנסה, זאגט מען דעם נוסח 'אין כמוך' ביי די אשכנזים, און ביי די ספרדים 'אתה הראת', אזוי ווי יו"ט.

דארף מען פארשטיין, **וואס איז אזוי במיוחד אין דעם טאג אז מען איז אזוי מרבה בתחנונים, און מיר זעען דא גאר אז עס האט עפעס א קשר מיט יום כיפור?** מען צינדט אָן די לעכט פון יום כיפור, דער מהרי"ל האט אנגעטון א קיטל, און מען דארף זיך טובל'ען אזוי ווי ערב יום כיפור.

## הושענא רבה בעטן מיר פאר א חתימה טובה

קומט צוגיין דער טור, און דער טור איז אונז מגלה דא סודות נפלאות. דער טור זאגט, ווייל די גמרא זאגט אין מסכת ראש השנה (ט"ז) אז אין יעדן יו"ט ווערט די וועלט גע'משפט. מיר ווייסן אז פסח איז מען דָן אויף די תבואה, שבועות אויף פירות האילן, און סוכות איז מען נידון על המים - וואסער.

זאגט דער הייליגער טור: "**וכל חיי אדם תלויין במים**". תבואה מיט פירות דארף א מענטש אוודאי האבן, אבער מען קען זיך באגעניגן מיט אנדערע עסן, אבער אן וואסער קען מען זיך נישט באגעניגן. ממילא, זאגט דער הייליגער טור, וויבאלד "**כל חיי אדם תלויין במים**", ממילא דעריבער, יעצט יו"ט סוכות גיי איך דא מרבה זיין בתפילה, און וויבאלד דאס איז דער לעצטער טאג, בין איך דאן דאס מערסטע מרבה בתפילה.

לויט דעם פארשטייט מען אביסל מער פארוואס אין דעם טאג האט מען מרבה געווען צו מאכן הקפות המזבח מיט די ערבות. **וויבאלד די ערבות איז גדילה על המים, איז וויבאלד די ערבה וואקסט ביי וואסער, און סוכות ווערט מען נידון אויף וואסער, ממילא האט מען אין דעם טאג געמאכט א מורא'דיגן עסק מיט דער ערבה.**

אבער לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס איז דער קשר צווישן דעם טאג און יום כיפור?

עס איז א טאג וואס מען דאווענט אויף וואסער, אבער **וואס איז דער שייכות אז מען זאל אנטון א קיטל און אנצינדן די לעכט אזוי ווי יום כיפור?**

אויב מען קוקט אריין אין טור, לייגט ער צו נאך עטליכע ווערטער: "**והכל הולך אחר החיתום**" - אלעס גייט לויט די חתימה. דא איז אונז דער טור מגלה אז הגם "בראש השנה יכתבון וביום צום כיפור יחתמון", דעסטוועגן איז הושענא רבה אויך א חתימה.

און הגם עס זענען דא אסאך וואס ווילן זאגן אז אינעם טור און אינעם שולחן ערוך ווערט נישט מבואר דער סוד פונעם זוהר הקדוש איבער דעם ענין פון "**חותם בתוך חותם**", אבער אויב מען איז מעיין אינעם טור זעט מען אז ער האט עס 'יא' דערמאנט, ווייל ער ניצט דעם לשון "הכל הולך אחר החיתום". אז דער טאג גייט מען לויט די חתימה, און ווי מיר וועלן באלד זען פונעם אר"י הקדוש בשם דעם זוהר הקדוש, אז הושענא רבה איז דער חותם בתוך חותם.

**קומט אויס דער טור האט אונז דא מגלה געווען אז עס איז א "יום החתימה".**

בעצם, אויב מען קוקט אריין אין די ראשונים, שטייט שוין קלאר דער ענין אז דער טאג איז א יום החתימה. אין '**ספר המנהגים**' פון רבינו יצחק אייזיק מטורנא (סוכות אות רט"ז) זאגט ער דעם לשון, אז דער טעם פארוואס מען צינדט אן די שעוה לעכט פון יום כיפור, ווי עס שטייט אינעם מהרי"ל און אינעם טור, איז "**מפני שהוא גמר החתימה תפלת המים**". עס שטייט דא קלאר אין די ראשונים אז דער טעם איז ווייל עס איז א גמר החתימה פון יום כיפור.

די זעלבע זאך אינעם '**מטה משה**' (אות תתקנ"ט) זאגט ער דעם לשון: "**ביום הזה הוא קיום החתימה שאנו מבקשים לפני הבורא ביום הכיפורים שיחתמנו לחיים, ולכן נהגו להדליק נרות של יום הכיפורים**". עס שטייט דא קלאר אז די סיבה וואס מען צינדט לעכט איז אלס א המשך פון דער חתימה פון יום כיפור. קומט אויס אז אינעם טור און אין די ראשונים איז שוין דא דער גילוי פונעם זוהר הקדוש אז עס איז א יום החתימה.

די זעלבע זאך שטייט אין '**ספר המנהגים - ווארמייזא**' (עמוד רי"ג), אז כל אחד מביא עמו שעוה נר של יום כיפור. מ'ברענגט די איבערגעבליבענע שעוה לעכט פון יום כיפור פון שטוב, און מען צינדט עס אן תיכף אינדערפרי ווען מען קומט אין בית הכנסת, "והניחו כך דלוק עד אחר תפילת מוסף".

עס שטייען דא מורא'דיגע זאכן, אז דער טאג איז א יום החתימה.

אבער לכאורה דארף מען פארשטיין: **מען האט דאך שוין גע'חתמ'עט ראש השנה, און ביי נעילה האט מען דאך שוין געזאגט "וחתמנו", וואס איז דער ביאור הענין אז יעצט איז די חתימה?**

## דער ענין פון יום החתימה אין די ראשונים

אין די ראשונים, אינעם ספר '**רקנטי**' (פרשת שלח), זאגט דער הייליגער רקנטי א מורא'דיגן סוד, אז עס זענען געווען נוסחאות אינעם פיוט 'ונתנה תוקף' וואו עס

איז געשטאנען אזא נוסח: "בראש השנה ישפטון, ביום כיפור יכתבון, **וביום הושענא רבה יחתמון**". זאגט דער רקנטי: "**לכן יש אומרים ביום הושענא יחתמון**". אז עס זענען דא אזעלכע וואס האבן אין דעם טאג געזאגט "יחתמון". דער **מונקאטשער רב** זי"ע ברענגט טאקע אראפ אז ער האט טאקע געטראפן אלטע מחזורים וואו דער נוסח איז אזוי געשטאנען.

און מיר טרעפן גאר אינעם '**שבלי הלקט**' (אות קכ"א) וואו ער זאגט: "**אני שמעתי שיש קהילות הקודש**" אז הושענא רבה זאגט מען "רחמנא לחיים", "מי כמוך", "זכור רחמיך", און "אבינו מלכנו". די זעלבע זאך אינעם '**מחזור ויטרי**', וואס איז געווען א ראשון, זאגט ער: "**נהגו לומר בקול רם ז' פעמים 'ה' הוא האלקים' כמו מוצאי יום כיפור, לפי שביום כיפור נחתם לחיים דיננו, והיום נתקיים בחתימת החיים, ושכינה עולה למעלה בערבות, ועוד אומר 'שמע ישראל' 'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד'**".

עס שטייט דא קלאר אין די ראשונים אז הושענא רבה איז א המשך פון דער חתימה פון יום כיפור. דארף מען פארשטיין, לכאורה **ביי יום כיפור האט מען דאך שוין געזאגט "חתמנו"?**

## די ווערטער פון זוהר הקדוש פון "איבערגעבן די קוויטלעך"

לאמיר זען די ווערטער פונעם **זוהר הקדוש** וואס דער הייליגער **אריז"ל** ברענגט אראפ אין 'שער הכוונות' אויף סוכות. כמובן אז אין לנו עסק בנסתרות, אבער עס זענען דא ווערטער פונעם אריז"ל וואס זענען דבר השווה לכל נפש, צו דערוועקן די הערצער אין דעם הייליגן טאג הושענא רבה.

דער הייליגער **אריז"ל** זאגט אין 'שער הכוונות' אויף סוכות (דרוש ו'), "**בענין מסירת הפתקים העליונים**" - דאס הייסט דער ענין פון איבערגעבן די קוויטלעך - אז עס זענען "**יש מאמרים חלוקים בספר הזוהר בשתי הפרשיות הנזכרות וגם בפרשת תרומה**". אויבן אויף איז דא א סתירה אין זוהר הקדוש. "**כי במקום אחד אומר עס מסירת הפתקים היא בליל הושענא רבה**" - אין איין פלאץ, אין פרשת תרומה, זאגט דער זוהר אז מען געט איבער די קוויטלעך ליל הושענא רבה, אבער אין אן אנדער פלאץ, אין פרשת ויחי, "**נראה כי היא נעשה ביומא תמינאה דחג שהיא שמיני עצרת**" - מ'זעט מען אז דאס פאסירט אום שמיני עצרת.

## דער אריז"ל איז מגלה דער גרויסקייט פון דעם טאג

דער אריז"ל גייט דא אריין אין אן אריכות מיט סתרי תורה וואס זענען געמאכט פאר די יודעי' חן, אבער מיר וועלן נאָר זאגן דעם תירוץ וואס איז נוגע אלס א 'דבר השווה לכל נפש'. זאגט דער הייליגער אריז"ל א סוד נפלא: יום כיפור האט מען שוין גע'חתמ'עט דעם מענטש און מען האט גע'חתמ'עט א 'פתקא', א קוויטל, אבער דער קוויטל איז נאכנישט איבערגעגעבן געווארן צו די מלאכים.

ווען עס קומט הושענא רבה, האט דער רבוש"ע ברוב רחמיו וחסדיו געטון מיט אונז א מורא'דיגע חסד. פאר מען געט איבער דעם קוויטל פאר די מלאכים זיי זאלן אויספירן זייער שליחות, קען א מענטש תשובה טון, און אויב עס איז חלילה דא א שלעכטע גזירה, צורייסט ער דעם קוויטל.

**דאס איז דער פשט פארוואס מענטשן וואונטשן זיך "א גוט קוויטל" - ווייל דעם קוויטל וואס מען האט גע'חתמ'עט יום כיפור געט מען יעצט איבער פארן מלאך, אבער אויב דו טוסט תשובה ביז הושענא רבה, קען מען צורייסן דעם אלטן קוויטל און מען שרייבט א נייע, גוטע קוויטל...**

זאגט דער אריז"ל, אז מען זאל וויסן אז **דער עיקר זמן פון 'מסירת הפתקין' איז חצות הלילה**. דערפאר, זאגט דער אריז"ל, איז דער מנהג אז מען איז עוסק בתורה די ערשטע האלב נאכט ביז חצות, און דעמאלטס לערנט מען משנה תורה. דער אריז"ל איז דארט מאריך אין סודות התורה.

דער הייליגער אריז"ל זאגט ווייטער אז די נאכט איז א גרויסע נאכט, און ער ברענגט פונעם 'רקנטי' אז עס איז געווען א מענטש וואס ליל הושענא רבה, ווען מען געט איבער די קוויטלעך פאר די מלאכים, פאר די שליחים, האט ער באמערקט אז זיין מצב איז נישט בסדר. ער איז געגאנגען קוקן ביי די לבנה (עס איז דא א געוויסע סימן וואס מיר וועלן יעצט נישט אריינגיין אין דעם), און דער מענטש איז נתעורר געווארן לתשובה. "**וחזר בלילה והתפלל ובכה ושב בתשובה**", ער האט יענע נאכט מתפלל געווען, געוויינט און תשובה געטוהן, "**וחזר ורד צל על ראשו**", ביז זיין שאטן איז צוריקגעקומען אויף זיין קאפ. מיר וועלן נישט מאריך זיין אין דעם ענין ווייל דאס באלאנגט צו סודות התורה, אבער ב"ה ער האט געהאט א זיסע, לעכטיגע יאר.

זאגט דער אריז"ל, אז אין דעם טאג איז נאך דא א זמן ווען מען קען תשובה טון. כאטש מען געט איבער די קוויטלעך פאר די מלאכים ביי חצות, געט מען זיי נאכנישט קיין רשות אויסצופירן

די שליחות; די מלאכים האלטן די קוויטלעך אין די האנט און ווארטן. זאגט דער הייליגער אריז"ל, אז **א גאנצן טאג הושענא רבה האסטו נאך צייט צו דאווענען, תשובה טון און מרבה זיין בתחנונים, אז די חתימה אויפן קוויטל וואס די מלאכים האלטן שוין זאל צעריסן ווערן אויב עס איז נישט גוט, און מען זאל אנשרייבן א גוטע קוויטל.**

## דו קענסט נאך פארעכטן ביז שמיני עצרת

יעצט פארשטייען מיר פארוואס דער טור האט גענוצט די לשון "הכל הולך אחר החיתום", ווייל יעצט איז די צייט פון מסירת הפתקין וואס מען האט געחתמ'עט יום כיפור. יעצט פארשטייען מיר אויך פארוואס מען דארף דא ארומגיין די בימה זיבן מאל, אזוי ווי מען האט ארומגעגאנגען דעם מזבח אין בית המקדש און קעגן די חומות פון יריחו, ווייל מיר ווילן יעצט אויס'פועל'ן א זיס, לעכטיג יאר.

פרעגט דער אריז"ל: ביז ווען האלט דאס אן? זאגט ער, אז דאס גייט ביז שמיני עצרת. די לשון פונעם אריז"ל איז: "**צריך להזהר לכוין האדם דעתו במאד מאד בתפילת יום הושענא רבה**" - א מענטש זאל מורא'דיג מכוון זיין ביי די תפילות. ער לייגט צו: "**בכל מעשיו ביום ההוא**" - א גאנצן טאג הושענא רבה, אפילו מען איז מורא'דיג פארנומען ווייל "**פונים מסוכה לביתם**", מ'גייט שוין אריין אין שטוב אריין און מען דארף מסדר זיין און אנגרייטן פאר יו"ט, דארף מען זיין זייער פארזיכטיג אין דעם טאג. מען דארף זיך שטארק היטן פון כעס און פון קפידות, און זיין זהיר צו קובע עתים זיין לתורה.

זאגט ווייטער דער אריז"ל, "**כיון שעדיין יש לו תקנה אז**", ווייל דו קענסט נאך פארעכטן ביז שמיני עצרת. ערשט אום שמיני עצרת גיבט מען די רשות פאר די מלאכים אויסצופירן.

עס זענען דא נאך מהלכים אין אריז"ל און רבי חיים וויטאל ברענגט נאך ענינים, אבער די זאכן זענען "סוד ה' ליראיו". אויף וויפיל עס איז נוגע פאר אונז אין עבודה, זעט מען דא אז מען געט אונז נאך א מורא'דיגע געלעגנהייט אויסצופועל'ן אין אזא הייליגן טאג.

## דער יסוד פון רבי שלמה קלוגער: דינען דעם אייבערשטן בשמחה

כדי מיר זאלן קענען אביסל מער פארשטיין דער ענין פונעם 'חתימה' נאכאמאל אין דעם טאג פון הושענא רבה בדרך עבודה ה'שוה לכל נפש', וועלן מיר אראפברענגען די ווערטער פון דער גאון ישראל וקדושו **רבי שלמה קלוגער** זי"ע אין זיין ספר 'קהלת יעקב' (הושענא רבה דרוש ד') וואס זאגט א הפלא'דיגן יסוד וואס באלייכט די גאנצע סוגיא. ער ברענגט דעם פסוק (דברים כח, מז) "תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מֵרֹב כֹּל".

מיר האבן שוין מסביר געווען וואס עס שטייט אין אלע ספרים הקדושים, אז בעצם איז די סיבה פון די גאנצע תוכחה ווייל מען האט געטון עבירות. אבער עס שטעלט זיך א שאלה: **פארוואס האט מען בכלל געטון עבירות? פון וואו איז צוגעקומען דער רוח שטות צו טון עבירות?**

זאגט דער פסוק א גילוי נפלא: **ווייל דו האסט נישט געדינט דעם אייבערשטן 'בשמחה'**. כל זמן א מענטש דינט דעם אייבערשטן מיט שמחה, האט ער השראת השכינה. פארוואס זאל ער דעמאלטס צוהערן צום יצר הרע אדער בכלל אריינגיין אין א שמועס מיט אים? אבער אויב חלילה א מענטש דינט נישט דעם באשעפער מיט שמחה, ער איז בעצבות אדער אין א מרה שחורה, דעמאלטס האט דער יצר הרע א שליטה אויף אים. עס קומט אריין א רוח שטות און ער קען אים שוין אנהייבן פארדרייען דעם קאפ, ווייל ער האט אים שוין אריינגעכאפט אין זיין נעץ.

**וואס איז די עצה?**

די עצה איז אז **מען דארף תשובה טון אויף'ן שורש החטא, און די תשובה אויפ'ן שורש איז צו דינען דעם אייבערשטן בשמחה.**

זאגט רבי שלמה קלוגער: יום כיפור האבן מיר טאקע תשובה געטון, אבער אפילו מען האט תשובה געטון אויף אלע עבירות, האבן מיר נאכנישט תשובה געטון אויף'ן 'שורש החטא' - **דאס אז מען האט נישט געדינט דעם באשעפער מיט שמחה.**

נאך מער זאגט ר' שלמה קלוגער, אז די עבירות וואס מען האט געטון זענען געקומען ווייל דער יצר הרע האט פארדרייט דעם קאפ און געזאגט אז די עבירות זענען ח"ו געשמאק, ווען מיר ווייסן דאך אז די גאנצע געשמאקייט פון עבירות האט דער יצר הרע געגנב'עט פון די קדושה, ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש. אבער למעשה, האסטו געטון אַן עבירה מיט א געוויסן תענוג פון א 'שמחה של שטות'.

מיר ווייסן דאך אז מען דארף טון '**תשובת המשקל**'. ווען א מענטש טוט תשובה אויף אַן עבירה, דארף ער עס טון מיט דעם זעלבן גרויסן חשק ווי ער האט געוואלט טון די עבירה. פונקט ווי דער יצר הרע האט אריינגעברענגט א ברען אין א מענטש צו רעדן לשון הרע מיט חשק אדער צו טון אנדערע עבירות מיט חשק, אזוי אויך ווען

ער טוט תשובה, דארף ער עס טון מיט א חשק און מיט א שמחה.

**ווען איז דער זמן פון שמחה?**

### "זמן שמחתנו" אלס א צייט פאר תשובת המשקל

מיר אלע ווייסן אז יו"ט סוכות איז "זמן שמחתנו". זאגט רבי שלמה קלוגער, אז **נאכדעם וואס איך בין שוין דורכגעגאנגען דעם גאנצן יו"ט און איך האב זיך אנגעזאַפט מיט די שמחת החג, איך האב זיך אנגעכאפט מיט א שמחה של מצוה און איך בין יעצט פול מיט שמחה ותענוג - יעצט גיי איך נאכאמאל תשובה טון**. יעצט וועל איך זוכה זיין צו טון תשובה באמת, און יעצט גיי איך באמת צוברעכן דעם גזר דין, צערייסן די שלעכטע קוויטלעך, און באמת צוברעכן די חומת הסטרא אחרא.

**דייקא ווען דעם האט מען געשטעלט דעם 'יום החותם', דעם 'חותם בתוך חותם', דייקא אום הושענא רבה, ווייל יום כיפור איז טאקע געווען א חתימה מתוך 'תשובה', אבער עס האט נאך געפעלט די 'שמחה', און איך דארף דאך טון א 'תשובת המשקל'.**

נאך א זאך: איך דארף טון תשובה אויפן שורש החטא, דאס וואס איך האב נישט געדינט דעם אייבערשטן בשמחה. אבער יעצט, אום הושענא רבה, טו איך תשובה; **איך טו סיי תשובה אויפ'ן שורש החטא פון נישט דינען דעם אייבערשטן בשמחה, און סיי איך טו תשובה מיט דעם זעלבן געשמאק וואס דער יצר הרע האט מיר פארדרייט דעם קאפ צוצוגיין צו אן עבירה - מיט דעם זעלבן ברען גיי איך יעצט צו צו א מצוה.**

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו דאווענען און תשובה טון מתוך שמחה וטוב לבב, און זוכה זיין צו א זיס לעכטיג קוויטל און אויספועל'ן אלעס גוטס!

## שמיני עצרת ושמחת תורה

# דער סוד: א יו"ט פאר בעלי תשובה

### דער חילוק צווישן שבועות און שמחת תורה

דער הייליגער טאג פון שמיני עצרת און שמחת תורה איז א יום שמחה ביי כלל ישראל, וואו אנשים, נשים וטף פרייען זיך אינאיינעם. די מענער אין בית המדרש טאנצן מיט די קינדערלעך לכבודה של תורה, און די נשים צדקניות פרייען זיך אין די ווייבער שול.

אין אזא הייליגן און שמחה'דיגן טאג, וואס די שמחה גיסט זיך איבער פאר יעדן איינעם, דארף מען זיך אביסל מתבונן זיין: **מיט וואס איז שמחת תורה אנדערש פון שבועות?** מיר ווייסן דאך אז שבועות איז דער 'זמן מתן תורתנו'. מען ציילט ספירה, ווי עס שטייט אין דעם הייליגן חינוך און אין די ראשונים, אז מען ציילט נאך א טאג און נאך א טאג ווייל מען וויל שוין אנקומען צו קבלת התורה, און מען איז אויף א גאנצע נאכט ביי תיקון ליל שבועות.

אבער פונדעסטוועגן, אפילו ביי שבועות, וואס איז דער יום מתן תורה און עס איז דא א מצווה צו עסן א סעודה – ווי **חז"ל** זאגן אין מסכת פסחים (ס"ח) אז ביי עצרת - שבועות - איז יעדער מודה אז מען דארף האבן 'לכם', מען דארף עסן א סעודה ווייל עס איז דער "יום שניתנה בו תורה" – **רש"י** איז מסביר דארט אז מיר דארפן ווייזן א גילוי אז אפילו דער גוף פרייט זיך מיט דעם וואס מיר האבן מקבל געווען די תורה. דער גוף פרייט זיך מיט'ן "אשר בחר בנו מכל העמים". עס איז אזוי זיס און לעכטיג צו זיין א איד, עס איז אזוי זיס און לעכטיג די תורה הקדושה, "כי לקח טוב נתתי לכם", "שישו ושמחו בשמחת תורה", "שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב", "פקודי ה' ישרים משמחי לב". מען מאכט א סעודה שבועות צו ווייזן אז דער גוף זאגט אז די איינציגסטע פריילעכקייט אויף דער וועלט איז שמחת התורה.

אבער פונדעסטוועגן, ביי שבועות טרעפט מען נישט אז מען זאל מאכן ריקודים און טענץ לכבודה של תורה. אדרבה, ביי שבועות זעט מען אז ווען עס קומט צו עולה זיין לתורה, זוכט מען צו מכבד זיין אן איש מכובד אדער א תלמיד חכם מיט די עליה פון עשרת הדברות. בפרט ביי

די הפטרה פון 'מעשה מרכבה', שטייט אז מען זאל דאס געבן פאר אן אדם גדול.

מה שאין כן שמחת תורה, זעט מען א מורא'דיגע זאך. דער הייליגער **רמ"א** (סי' תרס"ט), ברענגט א **'תשובת הריב"ש'**, אז **מ'געבט עליות פאר יעדן איינעם**. הגם א גאנץ יאר ליינט מען נישט איבער די סדרה, וועט מען דא איבערליינען "וזאת הברכה" נאכאמאל און נאכאמאל. עד כדי כך אז דער רמ"א ברענגט אראפ פון דעם **מהרי"ל** ועוד, אז **אפילו די נערים, די קליינע קינדערלעך, גייען עולה זיין**. מיר ווייסן דאך אז א גאנץ יאר גיט מען נישט קיין עליה פאר א קינד, אבער דא גיט מען אפילו פאר די קינדער עליות און זיי זאגן 'ברכו'.

נאך מער, דער מנהג איז אז מען ברענגט אלע קליינע קינדערלעך צום בעל קורא, און דער וואס איז עולה 'חתן כל הנערים' זאגט מיט זיי אינאיינעם די ברכות און דעם פסוק 'המלאך הגואל'.

מען זעט דא אז ביי שמחת תורה איז די שמחה אויף א פיל העכערע דרגה בהתגלות, אזוי ווייט אז עס זענען דא הלכות וואס א גאנץ יאר פירט מען זיך נישט אזוי, און נאר שמחת תורה פירט מען זיך יא אזוי צוליב דער שמחת התורה. עס איז באקאנט וואס דער הייליגער **'מגן אברהם'** ברענגט אראפ פון די **ראשונים**, אז אפילו ריקודים — וואס בזמנם זענען ריקודים געווען מורא'דיגע קונצליכע טענץ וואס עס איז געווען אויף דעם א גזירה משום "מתקן כלי שיר" — האט מען אבער שמחת תורה מתיר געווען.

אויב מען וועט פרעגן א פשוט'ן מענטש, וואס איז בכלל נישט קיין בעל השגה אין עבודת השם, וועלכע טעג אין יאר ביסטו באמת בשמחה מיט רוחניות, מיט תורה ומצוות? וועט ער ענטפערן אז עס זענען דא צוויי מאל א יאר וואס ער שפירט עס במיוחד: פורים און שמחת תורה. אויב מען וועט פרעגן א בעל תשובה וואס מען האט מקרב געווען און ער קומט שוין אין בית המדרש יעדן שבת, ער האלט מיט א פסח סדר, א שביעי' של פסח, א תיקון ליל שבועות, ראש השנה, יום הקדוש, סוכות און שמחת בית השואבה — אויב מען וועט אים פרעגן וועלכער יו"ט באנעמט דיך מיט א שמחה עצומה עד למאוד? (און מען רעדט דא פון א בעל תשובה וואס איז נאך ווייט פון אידישקייט און האלט אינמיטן צוריקקומען צום הייליגן וועג), וועט ער ענטפערן פורים און שמחת תורה. ספעציעל שמחת תורה, די הקפות און די פרייליכקייט באנעמען אפילו א בעל תשובה וואס איז נאך ווייט פון השגת התורה והמצוות.

## שמחת תורה: א יו"ט ספעציעל פאר בעלי תשובה

מען דארף פארשטיין וואס איז אזוי ספעציעל אז עס ווערט נשפע אזא גרויסע שמחה ביום שמיני עצרת ושמחת תורה.

דער הייליגער **'חתם סופר'** זי"ע אין זיינע דרשות (דרוש ה' שנת תקפ"א, און אויך אין דרוש ט' שנת תקפ"א און אין נאך פלעצער) איז אונז מגלה אז **שמחת תורה פרייט זיך יעדער איינער ווייל עס איז א יו"ט פאר די בעלי תשובה.**

עס איז א יו"ט וואס גאנץ כלל ישראל האט א שייכות דערמיט. עס איז א יו"ט וואס אפילו איינער וואס האט נישט געלערנט, אדער איינער וואס האט יא געלערנט אבער עס פעלן אים נאך אסאך השגות אין תורה, קומט דער יו"ט שמחת תורה און זאגט אים: **"קום לאמיר זיך פרייען מיט די תורה, דער טאג איז ספעציעל פאר דיר!"**

דער טאג איז געווידמעט פאר מענטשן וואס זענען צעבראכן און ווייט פון השגות אין תורה. שמחת תורה קומט און זאגט: **"קום לאמיר זיך פרייען, און דו וועסט זען אז דו וועסט קענען אנהייבן לערנען מסכתא נאך מסכתא, מקצוע נאך מקצוע, איין מוסר ספר נאך א צווייטן, און דו וועסט זוכה זיין צו 'פקודי ה' ישרים משמחי לב'"**.

## דער סוד פון די לוחות שניות

זאגט דער הייליגער חתם סופר: **וואס איז דער סוד פון שמחת תורה פאר בעלי תשובה?**

איז ער מסביר אז יו"ט שבועות האט מען אונז געגעבן די לוחות ראשונות, אבער מיר אלע ווייסן וואס עס איז געשען שבעה עשר בתמוז. הגם מיר ווייסן אז "שברי לוחות מונחות בארון", אדרבה, לויט שיטת **רש"י** לויט די **גמרא** אין מסכת סוטה זענען די שברי לוחות ארויסגעגאנגען מיט די אידישע קינדער ווען זיי זענען געגאנגען אין מלחמה.

דער הייליגער **רמ"ע מפאנו** זאגט אז די לוחות האבן זיך צעבראכן אויף זעקס הונדערט טויזנט שטיקלעך, און אפילו די אותיות וואס זענען 'פרחו באויר' איז די 'רשימה' געבליבן. ממילא האבן מיר אלע נאך א רשימה אריינגעקריצט אין אונזערע הערצער פון די לוחות ראשונות. אבער למעשה, די השגה פון לוחות ראשונות בשלימותה האבן מיר ליידער פארלוירן, און כאטש עס איז געבליבן א צייכן און מיר זענען מתפלל צום אייבערשטן "חדש ימינו כקדם", האבן מיר אבער למעשה פארלוירן א געוואלדיגע השגה פון די לוחות ראשונות.

אבער, זאגט דער הייליגער חתם סופר, יום כיפור ווייסן מיר דאך וואס די **משנה** זאגט אין מסכת תענית (פ"ד, מ"ח) "לא היו ימים

טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכפורים". זאגט אויף דעם די הייליגע **גמרא** אז יום כיפור איז צוויי זאכן: א **יום מחילת עוונות** און דער **יום שניתנה בו תורה**, ווייל מ'האט אונז דעמאלטס געגעבן די לוחות שניות.

זאגט דער הייליגער חתם סופר, אז היות יום כיפור פאסט מען, קענען מיר זיך נישט אינגאנצן פרייען מיט די לוחות שניות. דעריבער קומט **שמחת תורה, ווען מיר פאסטן שוין נישט, און דעמאלטס פרייען מיר זיך אויף די לוחות שניות וואס מיר האבן באקומען יום כיפור.**

די לוחות שניות וואס זענען געגעבן געווארן ספעציעל פאר בעלי תשובה, די לוחות שניות וואס זענען געגעבן געווארן צוזאמען מיט דעם וואס דער רבוש"ע האט געזאגט "ויאמר ה' סלחתי כדברך". ווען מ'גייט אריין דאווענען אין בית המדרש דעם הייליגן טאג יום הקדוש, פאנגט מען אָן מיט "אשרי" און מיט דעם פסוק "ויאמר ה' סלחתי כדברך". אין דעם טאג האט דער אייבערשטער געגעבן פאר משה רבינו די לוחות שניות, און אין דעם טאג האט דער רבוש"ע געזאגט: איך געב נאכאמאל די לוחות, איך געב נאכאמאל די תורה פאר בעלי תשובה.

אבער אזוי ווי יום כיפור איז א פאסט-טאג און ס'איז דא די 'חמשה עינויים', קומט שמחת תורה און שמיני עצרת, און דעמאלטס פרייט מען זיך מיט די תורה וואס איז געגעבן געווארן פאר אונז בעלי תשובה. פאר דעם וואס האט נישט געלערנט פלייסיג א גאנץ יאר, פאר דעם וואס האט נישט געענדיגט זיין מסכתא, פאר דעם וואס האט נעבעך געשמועסט אינמיטן לערנען, אדער פאר דעם וואס איז נעבעך נישט אויפגעשטאנען פארטאגס - **קומט שמחת תורה און זאגט: מ'געבט אונז נאכאמאל די תורה! און דוקא פאר דיר, וואס דו האסט נישט געלערנט פלייסיג א גאנץ יאר, פאר דיר איז במיוחד שמחת תורה, ווייל שמחת תורה איז ספעציעל פאר די לוחות שניות און פאר די בעלי תשובה.**

דער הייליגער חתם סופר איז מאריך אין די דרושים מיט הפלא ופלא'דיגע מהלכים, ועוד חזון למועד. מיר וועלן אציַנד אראפברענגען מורא'דיגע רעיונות, הייליגע רעיונות פונעם הייליגן '**שפת אמת**' זי"ע, וואס גייט אויפ'ן זעלבן וועג פונעם חתם סופר, אז שמיני עצרת און שמחת תורה פרייט מען זיך מיט די לוחות שניות, מיט די תורה וואס איז געגעבן געווארן פאר די בעלי תשובה. מיר וועלן זען ממש דברים נשגבים וואס דער הייליגער שפת אמת איז אונז מגלה, און מיר וועלן שעפן פון דעם א געוואלד מיט התחזקות צו לערנען די תורה בהתמדה, זיך מדבק צו זיין און זיך פרייען מיט די תורה הקדושה, און זוכה זיין צו "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כלכם היום".

## די הסתר ביים געבן די לוחות שניות

מיר וועלן אנפאנגען מיט די ווערטער פונעם הייליגן שפת אמת פון שנת תרל"ט. מיר וועלן מאכן אַן הקדמה מיט אַפּאָר שאלות, און נאכדעם וועלן מיר זען די ווערטער פונעם שפת אמת.

מיר ווייסן דאך אז די לוחות ראשונות האבן מיר פארלוירן שבעה עשר בתמוז. עס שטייט אין חז"ל אז די לוחות ראשונות זענען געגעבן געווארן 'בפומבי', דעריבער האט שולט געווען אַן עין הרע. שטעלט זיך די שאלה: וואס איז דער פשט אז ביי די לוחות שניות איז עס יא נתקיים געווארן? **חז"ל זאגן אונז אז די לוחות שניות זענען געגעבן געווארן 'בהסתר'.** דער אייבערשטער האט עס געגעבן פאר משה רבינו יום כיפור, משה רבינו האט עס אראפגעברענגט פאר כלל ישראל ממחרת יום הכיפורים, און היות עס איז געווען באופן צנוע ובסתר, האט קיין עין הרע נישט געקענט שולט זיין.

## די שלעכט אויג פון די גוים וואס האלטן נישט ביים 'הארעווען'

פרעגט דער הייליגער '**קדושת לוי**' זי"ע (דרוש לשבועות): ווער האט געגעבן די עין הרע? פון וועם איז עס געקומען?

זאגט דער הייליגער קדושת לוי אז **עס איז געקומען פון די אומות העולם, פון די גוים**. די סיבה פארוואס זיי האבן געגעבן א שלעכט אויג איז ווייל דער אייבערשטער האט זיי געבעטן זיי זאלן מקבל זיין די תורה, אבער זיי האבן נישט געוואלט. און ווען די אידן האבן יא מקבל געווען די תורה, האבן זיי געהאט א שלעכט אויג.

**ביאור הדברים:** די גוים האבן געהאלטן אז קיינער וועט נישט קענען מקבל זיין די תורה. מצד אחד האבן זיי געוואוסט אז די תורה הקדושה איז דער גרעסטער אוצר און די בעסטע געשעפט וואס א מענטש קען מאכן, ווי דער פסוק זאגט "כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזבו". דער רבוש"ע זאגט אז די תורה הקדושה איז די בעסטע מציאה, און די גוים האבן דאס געוואוסט.

פארוואס האבן זיי עס דעמאלטס נישט מקבל געווען?

דער תירוץ איז **ווייל זיי זענען נישט געווען גרייט צו באצאלן דערפאר – זיי האבן נישט געהאלטן ביים הארעווען**. זיי האבן געפרעגט "מה כתיב בה?", און ווען דער רבוש"ע האט געזאגט אז מ'מוז זיך אָפּזאגן פון תאוות המדומות און תאוות מאוסות, האבן זיי זיך איינגערעדט אז עס איז נישטא קיין כוחות זיך מתגבר צו זיין, און זיי האבן געזאגט אז זיי קענען נישט.

פון איין זייט האבן זיי מורא'דיג געוואלט די תורה ווייל עס איז די בעסטע זאך – "פקודי ה' ישרים משמחי לב", "שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב" – און די וואס זענען מקבל די תורה זענען בני מלכים. אבער פון די אנדערע זייט זענען די גוים נישט געווען גרייט צו הארעווען קעגן זייער יצר הרע. זיי האבן געהאלטן אז פונקט ווי די בני ישמעאל און בני אדום קענען עס נישט מקבל זיין, אזוי וועט עס קיין שום אומה אויף דער וועלט נישט מקבל זיין.

פלוצלינג! הערן זיי א 'נעשה ונשמע'... זיי הערן אזעלכע גערודשן אין די וועלט אז זיי האבן געמיינט ס'קומט א מַבּוּל. זענען זיי אלע צוגעלאפן צו בלעם הרשע און געפרעגט: "דער אויבערשטער ברענגט נאכאמאל א מבול אויף דער וועלט?" האט בלעם הרשע געזאגט: "ניין! 'ה' למבול ישב', אבער 'ה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום'. דער אייבערשטער געבט די תורה פאר די אידישע קינדער, דאס איז דער קול וואס איר הערט".

דעמאלטס האבן די גוים אזוי שטארק מקנא געווען די אידן. זיי האבן מקנא געווען אז אידישע קינדער האבן זוכה געווען צו אזא לעבעדיגע תורה, און אז זיי האבן געהאט די כח צו זאגן 'נעשה ונשמע'.

ווי מיר טרעפן אין די גמרא (שבת פ"ח) וועגן דעם צדוקי וואס האט געטראפן רבא לערנען מיט אזעלכע תענוגים ביז עס האט געגאסן בלוט פון זיינע פינגער, האט ער געזאגט: "**עמא פזיזא, עדיין בפזיזותייכו קיימיתו, דקדמיתו פומייכו לאודנייכו**" – איר האלט נאך אלץ אין די זעלבע שטארקייט פון 'נעשה ונשמע' וואו איר האט מקדים געווען דאס מויל צו די אויערן. דער צדוקי איז פשוט אויסגעגאנגען פאר קנאה. זאגט דער הייליגער קדושת לוי: די דאזיגע קנאה האט געגעבן אַן עין הרע פאר די לוחות ראשונות.

## האט מען געפרעגט די אומות העולם ביי די לוחות שניות?

שטעלט זיך די שאלה: **ביי די לוחות שניות, אז מ'גייט יעצט געבן א פרישע מתן תורה, וואלט מען לכאורה יעצט אויך געדארפט ארומגיין צו די אומות העולם און זיי נאכאמאל פרעגן "מה כתיב בה"?** אויב דער פשט איז אז ס'איז שוין נישטא קיין לוחות ראשונות ווייל די אידן האבן געזינדיגט און מ'דארף יעצט האבן צווייטע לוחות, וואלט מען דאך לכאורה געדארפט איבערפרעגן די אומות העולם אויב זיי ווילן עס יעצט יא?!

בפשטות איז דער תירוץ אויף דעם, אז וויבאלד די גוים האבן גורם געווען אז אין די לוחות ראשונית זאלן אריינגיין אַן עין הרע, איז מען יעצט נישט מחויב זיי צו גיין פרעגן "מה כתיב בה". קומט אבער דער הייליגער שפת אמת און אונז מגלה, אז מען פרעגט יא די אומות העולם "מה כתיב בה", נאָר די אומות העולם זאגן ווייטער אז זיי ווילן עס נישט.

קודם לאמיר זען די יסודות אינעווייניג אין די ווערטער פונעם הייליגן שפת אמת.

**יסוד א'**: שמחת תורה גייען מיר זיך פרייען אויף די לוחות שניות, די לוחות שניות פאר בעלי תשובה. די לוחות שניות זענען געגעבן געווארן בסתר אום יום כיפור, דעם יום הקדוש, און עס ווערט אונז געגעבן יעדעס יאר פון ניי. צוליב דעם וואס עס איז בסתר, איז קיין עין הרע נישט שולט. נאכדעם וועלן מיר זען דעם **צווייטן יסוד:** אז מען גייט יא פרעגן די גוים אויף די לוחות שניות צי זיי ווילן עס מקבל זיין, און די גוים ענטפערן אז זיי ווילן נישט. און מיר גייען זען ווי מען פרעגט די גוים יעדעס יאר.

## די צוויי בחינות פון מתן תורה בכל שנה ושנה

זאגט דער הייליגער שפת אמת שנת תרל"ט: "**והנה חכמים קבעו בשמיני עצרת שמחת תורה, ונראה שהוא רמז ללוחות אחרונות**". עס שטייט: "**הראשונה שהיתה בקולות**" – די ערשטע לוחות וואס זענען געגעבן געווארן מיט קולות, "**שלטה בהן עין**" – האט אן עין הרע שולט געווען אויף זיי, "**ואין לך יפה מן הצניעות**". ממילא, זאגט ער, האט דער רבוש"ע געגעבן די לוחות יום כיפור בצנעה.

זאגט ער ווייטער: "**וביום כיפור נתרצה הבורא יתברך לבני ישראל והוריד משה רבינו עליו השלום לוחות אחרונות**". דאס טייטש, דער רבוש"ע איז נתרצה געווארן און האט מקבל געווען די תשובה פון די אידישע קינדער, "ויאמר ה' סלחתי כדברך", דאס איז געשען יום כיפור. זאגט ער: "**ב' אלו ענינים נעשה בכל שנה**". די צוויי ענינים געשען יעדעס יאר. וואס טייטש דאס? יעדעס יאר קומט פאר א מתן תורה שבועות, און יעדעס יאר קומט פאר א מתן תורה יום כיפור. לאמיר זען.

"**בשבועות מתן תורה הוא רמז למדרגה ראשונה צדיקים גמורים**". יעדעס יאר האבן מיר מתן תורה שבועות, וואס דאס איז פאר צדיקים גמורים. צוליב דעם, שבועות, ווען מען דארף עולה זיין צו די 'עשרת הדברות', גיט מען דאס פאר א תלמיד חכם. אויך 'מפטיר דמרכבה' איז נאר פאר א תלמיד חכם. דער גאנצער בית המדרש איז נישט עולה שבועות. אבער ביי יום כיפור און שמיני עצרת וועט מען זען אן אינטערעסאנטע זאך.

"**ואחר נדון קומט ימי תשובה, זוכין בני ישראל ללוחות אחרונות**". יעדעס יאר ווען די אידישע קינדער טוען תשובה יום כיפור, זאגט דער רבוש"ע: "איך געב אייך די לוחות שניות". זאגט אבער דער הייליגער שפת אמת: "**והם בהסתר**". דאס אז מען גיט די לוחות שניות אום יום כיפור שטייט אין ערגעץ נישט אפן אין די תורה. עס שטייט נישט אין די תורה אז מען האט געגעבן די לוחות שניות יום כיפור. עס איז באהאלטן, עס איז מרומז, עס איז א חשבון.

פון די דריי מאל פערציג טעג קומט אויס אז ביים סוף פונעם דריטן מאל פערציג טעג איז געווען יום כיפור, ווי די גמרא זאגט סוף תענית, און רש"י, תוספות, און דער רשב"ם אין בבא בתרא זאגן, אבער עס איז בהסתר. "**לכן אין זה מפורש בתורה, וגם היא באה על ידי ההסתר בימים הנוראים שהם ימי הדין, לכן נאמר על זה 'בכסה ליום חגנו'**", צוליב דעם איז עס באהאלטן.

**די זעלבע זאך איז שמיני עצרת און שמחת תורה. עס שטייט אויך נישט אָפן. דער גאנצער ענין פון שמחת תורה און די שמחה וואס מיר פרייען זיך שטייט נישט אין גאנץ בבלי וירושלמי, ווייל עס איז** **בהסתר, עס איז באהאלטן. מיר ווילן נישט אז עס זאל שולט זיין אן עין הרע פון די אומות.**

## סוכות און די 70 פרים: דער חילוק צווישן אידן און גויים

אבער ווי מיר האבן שוין געשמועסט, אויב דער פשט איז אז עס איז א מתן תורה, **דארף מען דאך פרעגן די גויים צי זיי ווילן מקבל זיין די תורה, פונקט ווי מען האט זיי געפרעגט ביי די לוחות הראשונות?**

זאגט דער הייליגער שפת אמת: **מען גייט זיי טאקע פרעגן!** יו"ט סוכות פרעגט מען אלע גויים צי זיי ווילן מקבל זיין די תורה. ער זאגט ווייטער, אז מען איז מקריב די 70 פָּרִים, ווי די **גמרא** זאגט אין מסכת סוכה, וואס דאס איז א טובה פאר די אומות העולם און ברענגט זיי אראפ א שפע. און ווי דער מדרש זאגט, ווען זיי וואלטן געוואוסט וויפיל גוטס זיי באקומען דערפון, וואלטן זיי קיינמאל נישט חרוב געמאכט דעם בית המקדש; אדרבה, זיי וואלטן געשטעלט סאלדאטן וואס זאלן צוריקהאלטן דאס פארברענען פונעם בית המקדש.

למעשה זעען מיר דא אז יו"ט סוכות איז מען מקריב 70 פרים, וואס ווערן נתמעט מדי יום ביום קעגן די 70 פעלקער פון די וועלט, און זיי באקומען דערמיט זייער שפע.

אבער לאמיר זיך דא אפשטעלן און מתבונן זיין.

אין בית המקדש איז מען מקריב 70 פרים יעדעס יאר צו מכניע זיין די אומות העולם, און זיי באקומען אזא מין שפע דורך די 70 פרים. אויב אזוי, אז דו זעסט אז תורה ומצוות און דער בית המקדש זענען אזוי לעכטיג און עס איז א "משוש כל הארץ", פארוואס גייסטו נישט אריין צו די סנהדרין? פארוואס גייסטו נישט זאגן אז דו ווילסט זיך מגייר זיין? דו ווילסט אנהייבן לערנען? דו ווילסט אנהייבן דאווענען? דו זעסט דאך אז די גאנצע שפע א גאנץ יאר ביי די אומות העולם איבער דער גאנצער וועלט קומט דאך דוקא נאר פונעם בית המקדש, עס קומט דוקא נאר פון תורה ומצוות. אויב אזוי, גיי אריין צו די סנהדרין און זאג אז דו ווילסט זיך יעצט מתחבר זיין צום אידישן פאלק. אבער ניין, מען איז מקריב די פרים, זיי נעמען צו זייער שפע און זיי אנטלויפן.

זאגט דער הייליגער שפת אמת: "**לכן יש מקודם ימי הסוכות פרי החג, הכל שלא ישליט עין הרע**". איך גיי יעצט יו"ט סוכות מקריב זיין די פָּרֵי החג, און מען גייט זיי נאכאמאל פרעגן צי זיי ווילן די תורה. אבער דא גייען מיר זען א מורא'דיגע זאך: נישט נאָר די גויים זאגן אז זיי ווילן נישט די תורה, נאָר דא גייט מען **מוכיח זיין** אז זיי האלטן נישט דערביי און זענען נישט אינטערעסירט. ממילא וועט עס זיין אויף אזא אופן, זאגט דער שפת אמת, אז זיי זאלן אפילו נישט האבן קיין כח צו געבן אן עין הרע.

דאס טייטש, אינעם שפת אמת שטייען דא צוויי טעמים פארוואס זיי זאלן נישט קענען געבן קיין עין הרע: קודם כל, **די לוחות שניות זענען בסתר. שמחת תורה שטייט נישט אין בבלי וירושלמי, עס איז ווייטער בסתר**. נאך א זאך זאגט דער שפת אמת: **מיט דעם אליין וואס אום סוכות גייען זיי און זענען מבזה די תורה אונתורה ומצוות, זיי זענען דאס נישט מחשיב, וועט דאס אליין אוועקנעמען דעם כח אז זיי זאלן נישט קענען געבן קיין עין הרע.**

### "עכבו עלי יום אחד": די סעודה פונעם קעניג מיט זיינע קינדער

זאגט ער ווייטער: **"וכל אחד מאומות העולם שמח בחלקו"**. אלע אומות העולם זענען שמח בחלקו. עס קומט יו"ט סוכות, **"שחוטפין לעצמו השפע היורדת לכל השנה"**, ער גייט און כאַפּט דעם שפע. אבער וואס געשעט נאכדעם? זיי גייען זיך ווייטער, זיי גייען אהיים. **"אבל בני ישראל, עיקר שמחה שלהם בתורה, שהיא כולל כל החיים"**. די אידישע קינדער נאך יו"ט סוכות זאגן פארן רבוש"ע, "מיר גייען נישט אהיים, מיר בלייבן דא אינעם בית המקדש פאר נאך א טאג". און דאס איז דער סוד פונעם מדרש **"עכבו עלי יום אחד"**. דער רבוש"ע זאגט, "איך וויל נאך דא זיין איין טאג".

ווידער די גויים, ווען סוכות ענדיגט זיך גייען זיי אהיים, זיי זענען נישט אינטערעסירט צו בלייבן נאך א טאג. זיי הערן נישט דאס וואס דער רבוש"ע בעט "עכבו עלי יום אחד", **זיי זענען נישט אינטערעסירט**. אבער אידישע קינדער זאגן, "מיר בלייבן דא פאר נאך א טאג". און וואס גייט זיין אין יענעם טאג? מען גייט זיך פרייען מיט דער תורה הקדושה.

זאגט דער הייליגער שפת אמת ווייטער: **"כעין זה מתקיים עתה בחג"**, יעדע יו"ט סוכות פאסירט **"שיש קצת התקרבות לעיני אומות"**. די אומות העולם האבן א געוויסע התקרבות, זיי באקומען שפע דורך די 70 פרים. **"אבל כשרואה כביכול הבורא יתברך שאין בהם ממש, מחזיר הכל לבני ישראל"**. נאכדעם וואס דער רבוש"ע זעט אז סוכות געבט מען זיי טאקע זייער שפע, אבער זיי זענען נישט אינטערעסירט - זיי גייען זיך אהיים און ווילן נישט בלייבן אויף שמחת תורה - זאגט דער רבוש"ע: **איך גיי 'אלעס' געבן פאר די אידישע קינדער**.

שטייט דא אין שפת אמת א נייער חידוש: אז אפילו די גשמיות'דיגע שפע וואס דער רבוש"ע וויל געבן פאר די אומות העולם, וועט דער עיקר און דער 'שורש השפע' יעצט גיין פאר אידן, און די גוים וועלן נאָר באקומען די 'תמצית'...

זאגט ער ווייטער: וויבאלד אידישע קינדער גייען נישט אהיים מוצאי סוכות, נאָר זיי בלייבן אויף שמיני עצרת אין בית המקדש, דאס איז ממש שמחת תורה. ער זאגט אז שמחת תורה האט צוויי טייטשן. שמחת תורה קען מיינען אז **מיר פרייען זיך מיט די תורה**, און שמחת תורה מיינט אויך אז **די תורה פרייט זיך מיט אונז.**

כידוע שטייט אין **'בית הלוי'** וועגן אויפ'ן לשון "שישו ושמחו בשמחת התורה" - וואס באדייט דער לשון "בשמחת התורה"? עס איז משמע ווי די תורה אליין פרייט זיך מיט עמיצן. דער תירוץ איז, אז מיר פרייען זיך מיט די תורה, און **מיר פרייען זיך אויך "בשמחת התורה", מיט דעם וואס די תורה פרייט זיך מיט די אידישע קינדער**. איבער וואס פרייט זיך די תורה? איבער דעם וואס מיר האבן געזאגט "נעשה ונשמע".

זאגט ווייטער דער הייליגער שפת אמת: **"שהתורה שמחה במה שנתברר כי בני ישראל נאמנים ונבחרים להשם יתברך"**. די תורה פרייט זיך אז אידישע קינדער זענען נאמן און נבחר צום אייבערשטן, און זיי זענען גרייט מקיים צו זיין די תורה מיט אַן אמת'ן "נעשה ונשמע".

### שמיני עצרת: א בחינה פון עולם הבא און גן-עדן

זאגט דער הייליגער שפת אמת: שמיני עצרת איז דער אכטער טאג. מיר ווייסן אז די זיבן טעג סוכות זענען די ז' ימי הבנין, די זיבן טעג פון טבע. הגם אין די זיבן טעג זענען דא זעקס טעג פון טבע און שבת איז העכער פון טבע, ווערט עס אבער סוף-כל-סוף אנגערופן ז' ימי הבנין. אבער, ווען עס קומט שמיני עצרת, דער אכטער טאג, איז דאס מרמז אויף עולם הבא. אזוי ברענגט ער אראפ פונעם הייליגן **'חידושי הרי"ם'** זי"ע בשם דעם הייליגן **רבי ר' בונם** זי"ע, אז דאס איז א בחינה פון "מצוות בטלות לעתיד לבוא".

דאס טייטשט: פסח איז דא אכילת מצה, ד' כוסות, די הגדה און דער הייליגער סדר מיט אלע מצוות. שבועות איז דא די שתי הלחם און די הייליגע קרבנות וואס מען מקריב, ווי אויך די מצוה פון סעודת יו"ט פון "ועצרת תהיה לכם". ראש השנה בלאָזן מיר שופר. יום כיפור פאַסטן מיר, מיר דאווענען די חמש תפילות און עס זענען דא די 'חמשה עינויים'. סוכות איז דא די הייליגע סוכה און די ד' מינים. אבער **ווען עס קומט שמיני עצרת, איז נישטא קיין שום מצוה מיוחדת, נאָר די מצוה פון שמחה, וואס די גמרא דרש'נט ארויס פון "והיית אך שמח"**. דער וואָרט "אך" קומט ממעט זיין, צו ווייזן אז מען טוט נישט קיין שום אנדערע מצוה מיוחדת, נאָר מען איז פשוט בשמחה.

זאגט דער הייליגער שפת אמת: דאס איז מרמז אויף לעתיד לבוא, ווען מצוות וועלן זיין בְּטֵלוּת, א בחינה פון עולם הבא. עס איז אזוי ווי אין גן עדן, וואו מען איז נישט מקיים די מצוות בפועל אזוי ווי דא בעולם הזה. **עס איז א בחינה**

פון **'גן-עדן'**. אוודאי זענען דארט דא אלע מצוות, אבער אויף אַן אנדערע, פיל העכערע בחינה. זאגט דער שפת אמת: **דאס איז שמיני עצרת.**

מיר אלע ווייסן אז אין עולם הבא האבן די גוים נישט קיין שייכות, "אין מגע נכרי כלל". אין עולם הבא האט די סטרא אחרא נישט קיין שום אחיזה, ווי מיר זאגן "כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ". מיר ווייסן אז אלע גוים און די גאנצע סטרא אחרא וועלן דעמאלטס בטל ווערן, אזוי ווי מיר זאגן אין עלינו לשבח: "והאלילים כרות יכרתון, לתקן עולם במלכות שקי". דעמאלטס וועט זיין "כעשן תכלה", אלעס וועט אינגאנצן פארברענט ווערן. **דאס פאסירט שמיני עצרת.**

## די שמחה פון די לוחות שניות אַן קיין עין הרע

פרעגט דער הייליגער שפת אמת: **מיט וואס זענען מיר דאס זוכה?**

דורך דעם וואס מיר האבן מקבל געווען די לוחות שניות יום כיפור. דורך דעם וואס סוכות האט מען געגעבן די שפע פאר די גוים מיט די 70 פרים און מען האט זיי געבעטן צו בלייבן, אבער זיי זענען אוועקגעגאנגען און נאָר מיר זענען געבליבן אויף שמיני עצרת - דורך דעם זענען מיר זוכה צו אזא מין שמחת תורה פון א בחינה פון עולם הבא. ער זאגט **"ואין מגע נכרי כלל"**, די גוים קענען שוין דא נישט געבן קיין עין הרע.

יעצט פארשטייט מען פארוואס מען פרייט זיך אזוי שטארק שמחת תורה, נאך מער ווי שבועות. דער תירוץ איז, ווייל **ביי שבועות האט נאך געקענט שולט זיין אַן עין הרע פון די אומות העולם, אבער ביי די לוחות שניות, וואס זענען געגעבן געווארן פאר די בעלי תשובה, און דארט קענען זיי שוין נישט שולט זיין.**

און **דערפאַר פרייט זיך יעדער איינער.** אפילו דער וואס האט נישט געהאט די זכיה צו לערנען פלייסיג א גאנץ יאר אדער נישט אויפגעשטאנען פארטאגס, **וויבאלד מען טאנצט יעצט שמחת תורה מיט די לוחות שניות וואס זענען פאר בעלי תשובה, קען יעדער איינער זיך מיטכאפן.**

מיר וועלן צולייגן נאך א לשון פונעם שפת אמת (פון שנת תר"מ): **"ולכן אחר הסוכות שמחת תורה, כמו שכתוב נגילה ונשמחה בך"**. זאגט דער שפת אמת דער ביאור הדברים: **"שכל האומות לוקחים כל אחד שר שלו חלקו"** - אלע נעמען זייער שְׂכַר פון סוכות, אבער אנשטאט צו בלייבן אין בית המקדש, זאגט דער שפת אמת: **"והולך לו"**, ער גייט זיך אוועק. אבער די אידישע קינדער זאגן: רבוש"ע, **"אין אני חפץ טוב ממך"**. מיר זאגן **"נגילה ונשמחה בך"** - מיר ווילן בלייבן שמיני עצרת, ווען דער רבוש"ע גיט אונז א פריוואטע איינלאדונג מיר זאלן בלייבן דארט און מקבל זיין די תורה.

זאגט דער הייליגער שפת אמת: **"הביאני המלך חדריו הוא בסוכות, שניתן להם רשות ליטול כל אחד מה שרוצה"**. יעדער קען נעמען, אבער די גוים גייען זיך אוועק. די אידישע קינדער אבער **"נמשכים אחריו יתברך בלבד, כמו שכתוב נגילה ונשמחה בך"** - "בך" איז די ראשי תיבות פון די כ"ב אתוון דאורייתא.

## סיכום: התחזקות לֿהבא דורך די כוח פון תשובה

אין אזא הייליגן טאג זענען אונז דער חתם סופר און דער שפת אמת מגלה, אז אזוי ווי מתן תורה פון שבועות חזר'ט זיך איבער יעדע יאר, אזוי אויך **די לוחות שניות וואס זענען געגעבן געווארן פאר די בעלי תשובה יום כיפור, חזר'ן זיך איבער יעדע יאר.** און יעצט שמיני עצרת, שמחת תורה, פרייט מען זיך אויף די לוחות שניות וואס זענען געגעבן געווארן פאר 'אונז' בעלי תשובה.

דארפן זיך מחזק זיין און נישט קוקן אויפ'ן עבר - אז מיר זענען נישט געווען אזעלכע מתמידים אדער נישט געלערנט אזוי פלייסיג - נאָר מיר זאלן קוקן אויף ווייטער, אויפ'ן עתיד. ווייל די לוחות שניות זענען געגעבן געווארן פאר בעלי תשובה, אונז מגלה צו זיין אז דער רבוש"ע זאגט: **"יעדער איינער קען תשובה טון און יעדער קען זיך מיטכאפן!"**

בעזרת השם וועלן מיר זיך פרייען מיט די תורה, "שישו ושמחו בשמחת התורה", און מיר וועלן זוכה זיין צו "לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה' מעתה ועד עולם". א לעכטיגע קוויטל און א לעכטיג יאָר!

# די 'אור נפלא' ביי די הייליגע הקפות • יעדער קען זיך אנכאפן אין דעם הויכן אור

### יעדער טאנצט!

שמחת תורה קומען אלע אין בית המדרש - אנשים, נשים וטף - יעדער האלט מיט די גרויסע שמחה. ביי שמחת בית השואבה שטייט "חסידים ואנשי מעשה היו מרקדים לפניהם", און ווי דער הייליגער **רמב"ם** פסק'נט ביים סוף פון הלכות לולב, האבן נאָר די חשוב'ע מענטשן און די תלמידי חכמים געקענט טאנצן.

אבער ווען עס קומט צו שמחת תורה, טאנצט יעדער איינער. דער תלמיד חכם, דער רב, דער כולל יונגערמאן, דער מגיד שיעור, דער גבאי, דער ראש הקהל, דער בעל הבית, דער שוסטער און דער שניידער - אלע טאנצן שמחת תורה. עס איז דא אזא געוואלדיגע אור און אזא מורא'דיגע ליכטיגקייט, די שמחה איז אזוי גרויס אז יעדער איינער פרייט זיך.

### פארוואס ווערט שמחת תורה נישט דערמאנט אין בבלי וירושלמי?

אויב אזוי שטעלט זיך א קשיא: **פארוואס טרעפן מיר נישט אין גאנץ בבלי און ירושלמי אז עס זאל שטיין וועגן דעם גרויסן הייליגן טאג שמחת תורה, אז מען פרייט זיך דעמאלטס מיט די תורה?**

ווי מיר וועלן זען ווייטער, ווערט עס דערמאנט איין מאל אין זוהר הקדוש, און בעיקר ווערט עס דערמאנט אין די ראשונים און אחרונים; עס איז א מנהג פון כלל ישראל, אבער אין בבלי און ירושלמי ווערט עס נישט דערמאנט. און ווי מיר האבן געזאגט, אפילו אין זוהר הקדוש, וואו עס ווערן אסאך דערמאנט די סודות התורה, ווערט עס אויך נאר דערמאנט איין מאל און מורא'דיג בקיצור.

"טעמא בעי", לאמיר אביסל מרחיב זיין דעם ענין.

אויב מען וועט פרעגן א מענטש: וועלכער טאג אין יאר איז דיין פריילעכסטער טאג וואס דו ביסט 'שמח במצוות'? ווען איז דער טאג, דער איין מאל אין יאר, וואס דו שפירסט א דערהויבנקייט און א לעכטיגקייט? ווען איז דא איין טאג אין יאר וואס דו ביסט באמת באמת בשמחה און דו ביסט באמת פרייליך? יעדער איינער וועט אויסרעכענען א יו"ט, און נאכדעם וועט מען צוקומען צו צוויי טעג אין יאר: פורים און שמחת תורה. דאס זענען די צוויי טעג וואס דער עולם איז ממש באמת בשמחה און מען פרייט זיך, "שישו ושמחו בשמחת התורה".

לאמיר נעמען א בעל תשובה וואס מען האלט אינמיטן מקרב זיין צו אידישקייט, און מען וועט אים אריינברענגען אין בית המדרש אויף שבת, נאכדעם אויף א יו"ט - אויף פסח, שבועות און סוכות - און דערנאך וועט מען אים אריינברענגען שמחת תורה. אויב מען וועט פרעגן דעם בעל תשובה: "פון וואס ביסטו נתפעל געווארן דאס מערסטע?" וועט זיין תירוץ מסתמא זיין: **שמחת תורה איז א זאך וואס באנעמט א מענטש מורא'דיג.**

דאס הייסט, פון אלע שבתים און ימים טובים א גאנץ יאר, אויב מען וועט פרעגן דעם בעל תשובה: "פון וואס ביסטו נתרגש געווארן דאס מערסטע? וואו האסטו געשפירט די מערסטע דערהויבנקייט, די מערסטע פריילעכקייט און די מערסטע ליכטיגקייט אין בית המדרש?" - מען רעדט דא פון א בעל תשובה וואס איז נאך ווייט ווייט פון "קרבת אלקים לי טוב" - וועט ער זאגן: "שמחת תורה".

אויב אזוי, וואלט אזא גרויסער טאג געדארפט זיין מרומז, עס וואלטן געדארפט שטיין גאנצע בלעטער אין חז"ל וועגן די גרויסקייט פון דעם יום שמחה.

מיר טרעפן ביי שמחת בית השואבה, אז **די עצם שמחה זיך צו פרייען ביי שמחת בית השואבה איז לויט טייל ראשונים א מצוה פון 'שמחת יו"ט'**. אזוי איז די שיטה פונעם **רמב"ם**.

**רש"י** האלט אז די שמחה איז געווען אויפ'ן קרבן תמיד, און ווי עס איז מבואר אין די ראשונים און אחרונים אז **עס איז נאָר געווען א 'הכנה' פאר א מצוה.** און פונדעסטוועגן האבן חז"ל מאריך געווען א גאנצן פרק, בלעטער גמרא איבער וואס עס האט זיך אפגעטון דארטן ביי די שמחת

בית השואבה, וואס איז נישט געווען קיין מצוה בפני עצמה, נאָר א שמחה פון אַן 'הכנה' פאר די 'שאיבת המים'.

פונדעסטוועגן האבן חז"ל אזוי מאריך געווען, און די שמחה איז געווען אזוי גרויס אז אין בית המקדש האט מען געבויט ספעציעלע פלעצער פאר די פרויען, און די גמרא גייט אריין אין דעם ווי אזוי מען האט לכאורה געמעגט בויען. אבער עכ"פ, אין חז"ל ווערט ארומגערעדט די גאנצע מצב פון די שמחה דארט, כאטש יענע שמחה איז נישט געווען קיין מצוה בפני עצמה נאָר א הכנה פאר א מצוה.

אבער דא ביי שמחת תורה, וואס עס איז א מצוה זיך צו פרייען מיט די תורה און עס איז א מנהג ביי אידישע קינדער, אפילו מיר האבן נישט קיין בית המקדש, און **ביי שמחת תורה טאנצן נישט נאָר די חסידים ואנשי מעשה נאָר קינד און קייט - אלעס טאנצט ביי שמחת תורה - איז הלא דבר הוא, פארוואס ווערט עס נישט דערמאנט אין חז"ל?**

## מען שעפט חיות פאר א גאנץ יאר

אין ספר **'משמי' דרבי תנחום'** ווערן אראפגעברענגט די מנהגים פונעם **אַלטן סטוטשינער רב** זי"ע. ער ברענגט דארט אז ביי די הקפות איז געווען אַן עבודה וואס מיר קענען זיך נישט מצייר און משער זיין, וואס האט זיך אפגעטון ביים הייליגן סטוטשינער.

ער דערציילט דארט אז מען איז געקומען זאגן פארן סטוטשינער רב אז די פרויען אויבן ביי די גאלעריע האבן אויפגעהויבן די מחיצות, דעם פירהאַנג (כמובן אז עס איז נישט געווען קיין שאלה על פי הלכה, נאָר כידוע לפי חומרות רבותינו הק' אין דעם ענין, האט מען געפרעגט די שאלה). האט דער הייליגער סטוטשינער רב געזאגט אז מען זאל עס לאזן, די עיקר קפידא זאל נישט אריינקומען אין בית המדרש, און ער האט מסביר געווען אז **פון די לעכטיגע הקפות שעפן די נשים צדקניות חיות פאר א גאנץ יאר.**

אויב אזוי שטעלט זיך דא א מורא'דיגע קשיא: אז די הייליגע הקפות זענען אזוי גרויס און עס איז אזא ליכטיגקייט, אז אפילו די נשים צדקניות וואס זענען פטור פון תלמוד תורה קומען אין בית המדרש און קוקן צו צו די הקפות, און דאס גיט זיי חיות פאר א גאנץ יאר כדי זיי זאלן קענען מחנך זיין די קינדער און שטיין עומד על המשמר אז די מענער זאלן קענען זיצן און לערנען אין בית המדרש - אויב אזוי וואלט דאך אזא זאך געדארפט שטיין אין חז"ל?!

## דער ביאור פונעם הייליגן 'בעל התניא' זי"ע: דער ענין פון שמחה

קומט צו גיין דער הייליגער **'בעל התניא'** זי"ע, און איז אונז מגלה סודות נפלאים. כדי צו פארשטיין די ווערטער פונעם בעל התניא, וועלן מיר קודם מסביר זיין עטליכע משלים, כדי מיר זאלן קענען אריינגיין אביסל אין אַן 'אפס קצהו', צו דערשפירן וואס דער הייליגער בעל התניא וויל אונז דא מגלה זיין.

לאמיר נעמען א מענטש א גאנץ יאר וואס געפינט זיך אין א מצב פון שמחה: לדוגמה, ער האט געהאט א גוטע וואך אין ביזנעס, איז ער מורא'דיג פרייליך. ער קומט אריין אין בית המדרש, אבער כמעט קיינער דערקענט עס נישט אויף אים.

דער מענטש וואס דאווענט נעבן אים אין בית המדרש, זיין שכן אדער זיין ידיד, באמערקט פרייטאג צונאכטס אז 'פניו צהובות', ער איז עפעס מער פרייליך. פרעגט ער אים: "עפעס גייט פאָר?" פרעגט ער אים צוריק: "פארוואס פרעגסטו?" ענטפערט ער: "איך זע דו ביסט עפעס מער גוטמוטיג דעם פרייטאג צונאכטס". זאגט ער אים: "אז דו האסט געפרעגט וועל איך דיר זאגן: ב"ה, עס איז געווען א גוטע וואך אין די געשעפטן. נו, לאמיר נישט רעדן, עס איז שבת קודש, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן".

די אנדערע וואך קומט ער אריין אין בית המדרש ליל שישי, און נאכ'ן ענדיגן לערנען, פלוצלינג גייט זיין חבר צו צו אים און זאגט אים: "וואס גייט פאָר מיט דיר?" גיט ער א זאג: "פארוואס פרעגסטו?" ענטפערט ער: "דו ווייסט שוין, דיין פנים איז עפעס אזוי פרייליך, עס איז עפעס לעכטיג". פלוצלינג קומט צו א צווייטער און זאגט אים: "יאנקל, וואס איז דיין פנים אזוי לעכטיג?" און פלוצלינג קומט משה אויך צו און זאגט: "וואס גייט פאָר? יאנקל'ס פנים איז עפעס לעכטיג, וואס טוט זיך?" זאגט ער: "הערט מיר אויס חברים, אז איר האט געפרעגט וועל איך ענק זאגן. איך זע אז עס איז אזוי דערקענטיג... ב"ה איך האב געקויפט א נייע הויז, און איך האב נאך באקומען א גוטע פרייז".

לאמיר זיך דא אפשטעלן און זען וואס דא טוט זיך. **וואס איז דער חילוק צווישן פאריגע וואך און די וואך?**

פאריגע וואך איז געווען א קליינע שמחה, האט עס כמעט קיינער נישט דערקענט. די וואך, וויבאלד ער האט געקויפט א הויז פאר א גוטן פרייז, איז זיין שמחה

געווארן גרעסער. און וויבאלד זיין שמחה איז געווארן גרעסער, האט עס אנגעהויבן ארויסצושיינען אזוי שטארק אז יעדער ארום אים קען עס שוין זען.

אבער די שמחה איז נאך אלץ א נארמאלע שמחה. וואס מיינט דאס א נארמאלע שמחה? דער מענטש האט זיך נישט עפעס ספעציעל געטוישט, מ'זעט נישט קיין באזונדערע שינויים ביי אים, און מ'זעט נישט קיין אינטערעסאנטע זאכן ביי אים. אלעס פארט ווייטער, עולם כמנהגו נוהג, מ'זעט בלויז א געוויסע לעכטיגקייט אויף זיין פנים. לאמיר גיין ווייטער.

א פאָר וואכן שפעטער קומט ער אריין אינדערפרי אין בית המדרש, און מ'זעט ממש אז ער קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט זיך אליין. עטליכע חברים גייען צו צו אים ביי די קאווע און פרעגן: "יאנקל, וואס גייט פאר? איך זע ממש דו טאנצט אונטער". ענטפערט ער: **"וואס הייסט? איך האב געטון א שידוך!"...** "אָה, מזל טוב!" דער עולם קומט צו און יעדער ווינטשט אים מזל טוב.

פון וואו האט דער עולם בכלל געוואוסט צוצוגיין צו יאנקל און פרעגן וואס עס גייט פאָר?

דער תירוץ איז, ווייל ער איז יעצט אריינגעקומען אין בית המדרש מיט אזא שמחה אז ער האט געוואָקט אנדערש... ער איז נישט געווען ביי זיך... און מ'האט געזען אז עפעס גייט דא פאָר. דאס טייטש אז די שמחה האט נישט סתם ארויסגעשיינט, נאר זי האט אנגעהויבן ארויסצושיינען אויף אן אופן אז ער איז מער נישט געווען דער נארמאלער יאנקל. דער נארמאלער יאנקל וואקט גראד, ער איז מער אן איינגעצוימטער מענטש, אבער דא האט מען געזען אז ער וואקט נישט געהעריג. אזוי האט מען געוואוסט אז עפעס אן אויסטערלישע שמחה גייט דא פאר.

ווי אזוי ווערט דאס אנגערופן אין דער וועלט פון שמחה?

דער תירוץ איז, אז **די פרייליכקייט פאנגט שוין אָן ארויסצוגיין פון די כלים.**

וואס מיינט דאס אז די פרייליכקייט גייט ארויס פון די כלים?

כל זמן ער האט געהאט א גוטע וואך אין ביזנעס, איז די פרייליכקייט נאך געווען אזוי אז זיין גוף האט עס געקענט סובל זיין. אַפּאָר וואכן שפעטער, ווען ער האט געקויפט א נייע הויז און די שמחה איז שוין געווען גאר גרויס, האט דער גוף עס שוין נישט געקענט אזוי גוט סובל זיין, און די שמחה האט אנגעהויבן ארויסצושפראצן פיל מער.

אבער ווען ער האט שוין געטון א שידוך, וויבאלד די שמחה איז אזוי גרויס, האט דער גוף עס שוין נישט געקענט דערהייבן; ער האט שוין נישט געוואקט געהעריג, און מ'האט געזען עפעס אינטערעסאנט ביי אים. די שמחה האט שוין ארויסגעשפראצט פון די כלים ווייל דער גוף האט שוין נישט געהאט קיין כח סובל צו זיין אזא מאס שמחה.

דער גוף איז דאך 'עפר', ער קען נישט דערהייבן אזא מין 'אור'. וואס עס געשעט איז, אז **דער אור השמחה שפראצט ארויס און קען נישט בלייבן אינעווייניג אינעם מענטש. נישט נאָר דאס, נאָר דער מענטש פאנגט אָן צו וואקן אנדערש, ער רעדט אנדערש, און ער ווערט אַן אנדערער מענטש, ווייל דער גוף קען עס נישט דערהייבן.**

## די שמחה ביי א חתונה: ווען דער גוף קען נישט סובל זיין דעם אור

אבער דאס איז נאך נישט דער שפיץ פון שמחה.

לאמיר יעצט גיין צו דער צייט ווען ער מאכט חתונה זיין ערשטע קינד. לאמיר אריינקומען און זען וואס עס טוט זיך אָפּ ביי דער סעודת החתונה. זיינע חברים קומען אריין, און פלוצלינג דערקענען זיי נישט דעם יאנקל. דער יאנקל, וואס איז נארמאל שטיל און איינגעצוימט, און מ'הערט נישט קיין הויך וואָרט פון אים – פלוצלינג גייט ער פון איין טיש צום צווייטן, ער גיסט אָן 'לחיים' פאר יעדעם, ער וואונטשט אָן ברכות, ער איז ממש ארויס פון די כלים. דאס איז דער פזמון וואס יעדער זאגט.

**לאמיר פארשטיין וואס עס מיינען די ווערטער אז יאנקל איז פרייליך און איז "ארויס פון די כלים".**

דער ביאור הדברים איז, ווי מיר האבן פריער געשמועסט: ביז די שמחה איז געווען א קליינע שמחה, האט דער גוף עס נאך געקענט סובל זיין. אבער ווען ער מאכט חתונה זיין ערשטע קינד, האט דער גוף בכלל נישט קיין פלאץ פאר אזא גרויסע שמחה. דער גוף איז נישט געמאכט געווארן דערפאר, בפרט ביי א מענטש ווי יאנקל, וואס זיין נאטור איז צו זיין אַן איינגעצוימטער מענטש.

וואס עס געשעט איז, אז **דער גוף דערהייבט עס נישט, און אויטאמאטיש שפראצט די שמחה ארויס אזוי אז יעדער איינער זעט עס.** די צווייטע זאך וואס געשעט איז, אז **ווייל די שמחה איז אזוי גרויס, גייט יאנקל ארויס פון די כלים.** דאס מיינט אז ער קען נישט דערהייבן זיין

שמחה אין זיין גוף, וואס איז די כלי פאר דער שמחה, און זיין כלי ווערט "אינטערעסאנט"... ער פאנגט אָן צו גיין פון טיש צו טיש, ער וואונטשט מענטשן און ער רעדט פיל מער. פלוצלינג ווערט דער איינגעצוימטער מענטש א ברייטער מענטש וואס נעמט אויף יעדן איינעם.

אבער ווארטס נאָר... דאס איז אלץ נאך גארנישט קעגן דעם ווען דער חתן איז אריינגעקומען און יאנקל האט אנגעהויבן טאנצן מיט אים. דעמאלטס, ווען יאנקל האט אנגעהויבן טאנצן מיט דעם חתן, זענען אלע זיינע חברים געשטאנען אין א זייט און האבן נישט געוואוסט וואס דא איז געשען, זיי זענען אלע געשטאנען געשטוינט. יאנקל, אַן איידעלער, פארמאכטער און איינגעצוימטער מענטש, טאנצט מיט'ן חתן מיט אזא התלהבות וואס זיי האבן נאך קיינמאל נישט געזען. און וואס זאגן די חברים? "**יאנקעלע איז אזוי פריילך, ער איז ממש ארויס פון זיינע כלים**"...

דא איז ווייטער דער זעלבער הסבר וואס מיר האבן פריער געזאגט. דער פשט איז, אז ווען ער טאנצט מיט זיין חתן, זיין ערשטע קינד וואס ער מאכט חתונה, געפינט ער זיך אין אזא מצב פון שמחה אז די שמחה, ערשטנס, שפראצט ארויס אזוי אז יעדער קען עס זען. צווייטנס, קען דער גוף עס נישט דערהייבן, און דעריבער פאנגט יאנקל אן צו טאנצן. ער איז נישט אין 'קאָנטראָל' און ער איז בכלל נישט קיין בעל הבית אויף זיך אליין. **זיין 'גוף', זיין 'כלי', ווייסט בכלל נישט ווי אזוי צו האנדלען אזא זאך, און ממילא טאנצט ער אויף אַן אופן וואס איז בכלל נישט לויט זיין נאטור.**

### דער "כח השמחה" - וואו עס איז דא "השראת השכינה"

דאס איז דער "כח השמחה".

דער כח השמחה איז אַן 'אור רוחני'. מ'טרעפט נישט אין דער גוי'אישער וועלט קיין שום סרך שמחה. ביי די גוים איז נאָר דא הוללות, אבער שמחה איז ביי זיי נישט פארהאן. **שמחה טרעפט מען 'נאָר' ביי אידישע קינדער**. ס'איז אפשר דא ביי די גוים געוויסע ניצוצות אדער פונקען פון שמחה, אבער דאס איז נאָר פאר א פשוט'ע סעקונדע, און מ'קען עס ניטאמאל אנרופן שמחה.

שמחה איז א רוחניות'דיגע זאך וואס מ'טרעפט נאָר ביי אידן, ווייל שמחה איז נאָר דא וואו עס איז דא השראת השכינה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: "עז וחדוה במקומו". שמחה איז נאָר דא ביים אייבערשטן. אין פסוק שטייט: "שמחו בה' וגילו צדיקים והרנינו כל ישרי לב". שמחה איז נאָר דא ביים אייבערשטן. ביי תורה ומצוות שטייט: "פקודי ה' ישרים משמחי לב". שמחה טרעפט זיך נישט ביי די גוים, און זיכער נישט ביי עבירות.

ממילא פארשטייט מען דעם גוף, אז **היות דער גוף קומט פון 'עפר', און עפר איז מורא'דיג נוטה צו עצבות און מרה שחורה חס ושלום, איז דאס א מורא'דיגע סתירה צו שמחה. דערפאר, יעדעס מאל ווען א מענטש ווערט פריילך, קען דער גוף עס נישט דערהייבן.**

לאמיר גיין ווייטער. דער הייליגער **רמב"ם** ברענגט אראפ אין הלכות לולב (פ"ח, הט"ו) בזה הלשון: "**וכן דוד מלך ישראל אמר 'ונקלותי עוד מזאת והייתי שפל בעיני'**", און דער רמב"ם פירט אויס: "**ואין הגדולה והכבוד אלא לשמוח לפני ה', שנאמר 'והמלך דוד מפזז ומכרכר לפני ה'**'".

דוד המלך האט אזוי געטאנצן, אז מיכל בת שאול האט אים געפרעגט: "**דו האסט געטאנצן אויף אזא אופן? ס'איז דאך א בזיון פאר א מלך?!**"

האט דוד המלך געענטפערט: "**דאס איז נישט קיין בזיון, איך האב געטאנצן פארן אייבערשטן!!!**"

לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס גייט דא פאָר? וואס איז דער ביאור אז דוד המלך האט געטאנצן אויף אן אופן וואס האט אויסגעזען ווי א בזיון?

נאָר ווי מיר האבן מסביר געווען, **שמחה איז אזא רוחני'דיגע אור, אז אפילו ביי דוד המלך - לויט זיין גרויסער מדריגה, וואס עס איז א זכיה פאר אונז בלויז ארויסצוזאגן דעם נאמען "דוד המלך" - מאכט דאס אז די שמחה זאל זיין העכער פון די כלים.**

### דער סוד פון די הקפות: העכער פון 'אותיות' און 'כלים'

אצינד, לאמיר צוריקגיין צום ענין פון די הקפות שמחת תורה.

דער הייליגער בעל התניא זאגט, אז ביי שמחת בית השואבה איז געווען אזא 'אור' וואס חז"ל זאגן אויף דעם: "מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו". אבער דאך טרעפן מיר אז נאָר "חסידים ואנשי מעשה היו מרקדין לפניהם" - בלויז גרויסע לייט האבן געקענט טאנצן.

דער רמב"ם זאגט אין הלכות לולב (פ"ח, הי"ד): "**ולא היו עושין אותו עמי הארץ וכל מי שירצה, אלא גדולי חכמי ישראל וראשי הישיבות והסנהדרין והחסידים והזקנים ואנשי מעשה, הם שהיו מרקדין ומספקין ומנגנין ומשמחין במקדש בימי חג הסוכות**". אבער, זאגט דער הייליגער רמב"ם, "**כל**

**העם, האנשים והנשים, כולם באים לראות ולשמוע**". דאס הייסט אז דער גאנצער עולם האט נישט געטאנצן, נאר זיי זענען געקומען קוקן און צוהערן.

זאגט דער הייליגער בעל התניא, דאס איז געווען ביי שמחת בית השואבה. אבער **ביי שמחת תורה ווייסן מיר אז יעדער טאנצט, אפילו די קליינע קינדער**. מיר טרעפן אין **רמ"א** (סי' תרס"ט) וואס ברענגט אראפ אז אפילו קליינע קינדער זענען עולה לתורה. די שמחה פון שמחת תורה איז פאר יעדן איינעם - נישט נאָר פאר די גדולי הדור, נאָר פאר יעדן מענטש און אפילו פאר קליינע קינדער.

פרעגט דער הייליגער בעל התניא: וואס איז דער ביאור הענין?

ער ענטפערט, אז **ביי שמחת תורה קומט אראפ דער 'אור התורה' כביכול אליין. ממילא איז די שמחה אזוי גרויס אז יעדער איינער קען זיך מיטכאפן, אפילו קליינע קינדער און אפילו עמי הארצים וואס האבן נישט געלערנט**. און אפילו אויב דו האסט יא געלערנט א גאנץ יאר, אבער דו האסט נישט געלערנט ווי עס דארף צו זיין, קומט אראפ דער אור פון שמחת תורה און יעדער איינער גייט מיט. אפילו דו ביסט נישט פון די סנהדרין אדער פון די גדולי הדור, טאנצטו מיט.

זאגט ווייטער דער הייליגער בעל התניא, אז היות דער אור וואס קומט אראפ ביי די הקפות פון שמחת תורה איז אזוי גרויס, האט עס נישט קיין כלי אויף דער וועלט. דערפאר ווען דער עולם טאנצט, טאנצט מען אויף אַן אופן וואס איז נישט דער נארמאלער שטייגער. מענטשן וואס טאנצן נארמאל נישט, טאנצן יא. **יעדער איינער טאנצט, ווייל דער אור השמחה איז אזוי גרויס אז מען גייט ארויס פון די כלים**.

זאגט דער הייליגער בעל התניא, יעצט פארשטיי איך פארוואס דאס ווערט נישט דערמאנט אין חז"ל. ווען די הייליגע חז"ל האבן געשריבן דעם תלמוד בבלי און ירושלמי, האבן זיי דאס געשריבן מיט 'אותיות', און אין די אותיות ליגט דער 'אור' פון די מצוה. **אבער ווען עס קומט צום אור פון די הקפות, איז דער אור אזוי גרויס אז עס האט אפילו נישט געקענט אריינגיין אין קיין אותיות. דערפאר טרעפן מיר כמעט גארנישט אין חז"ל איבער דעם ענין פון הקפות שמחת תורה!**

לאמיר נאכזאגן לשון קדשו: "**ענין הקפה שבשמיני עצרת שלא נכתבו אפילו בתורה שבעל פה, ואין אלא מנהג. מפני שהמשכה זו ממקום עליון מאד, עד שאין אתערותא דלתתא מגעת שם כל כך**". די וועלט קען דארט נישט אנקומען, עס האט נישט קיין שייכות מיט דער וועלט, און עס איז אפילו נישט דא קיין התלבשות אין די הייליגע אותיות - אזא גרויסער אור איז דאס.

דער הייליגער בעל התניא אין 'סידור הרב' (ד"ה הממשיך) זאגט אזא לשון: "**שמחת ההקפות, לפי שהיא שמחה דספר תורה עצמה**", דאס מיינט אז די שמחה איז פון דער תורה אליין, "**גבוהה היא הרבה מבחינת שמחת בית השואבה**", עס איז פיל העכער אין מדריגה פון שמחת בית השואבה. "**וכל ישראל ראויים לה**" - יעדער איד איז ראוי דערצו, אפילו די וואס זענען נישט קיין גדולי הדור.

**די עבודה פון שמחת תורה 'למעשה': יעדער קען זיך אנכאפן אין דעם הויכן אור**

פארשטייט זיך אז די ווערטער פונעם בעל התניא דארפן א געוואלדיגע אריכות, און אין ליקוטי תורה זענען דא פייערדיגע מאמרים אויף שמיני עצרת און שמחת תורה וואס מיר האבן נישט קיין השגה אין זיי. אבער וואס מיר דארפן ארויסנעמען בדרך עבודה איז, אז ווען עס קומט שמחת תורה און "לב יודע מרת נפשו", דער מוח פאנגט אָן צו קלערן און דאס הארץ פאנגט אָן צו שפירן:

**וואס גיי איך דא טאנצן? מיט וואסערע העזה טאנץ איך דא?**

**ווי אזוי האט אויסגעזען מיין לערנען א גאנץ יאר?**

**וויפיל מאל בין איך נישט אויפגעשטאנען פארטאגס, און ווען יא, בין איך אויפגעשטאנען שפעט?**

**וויפיל מאל האב איך געשמועסט אינמיטן לערנען?**

**וויפיל מאל האב איך געדארפט לערנען בהתמדה און איך האב עס נישט געטוהן?**

**וויפיל מאל האב איך געדארפט ענדיגן א מסכתא אדער מקבל געווען אויף זיך צו לערנען געוויסע מקצועות, און איך בין נאָך אפילו נישט אנגעקומען צו א פערטל?**

דער מענטש ווערט דערפון איינגאנצן צובראכן.

זאגט אונז דער הייליגער בעל התניא, אז דער אור פון די הקפות איז אזוי גרויס, פיל גרעסער פון שמחת בית השואבה. עס האט נישט קיין אותיות און קיין כלים, עס איז העכער פון אלעם. אויב אזוי, אדרבה ואדרבה, יעצט איז פונקט דער פארקערטער זמן. ווען דער יצר הרע קומט צום מענטש שמחת תורה און זאגט אים: "וואס האסטו מיט דעם? וואו קומסטו דא צו טאנצן ביי די הקפות?" זאלסטו אים ענטפערן:

"**אדרבה, הקפות ווערט נישט דערמאנט אין בבלי אדער ירושלמי ווייל עס איז העכער פון אותיות און כלים. ממילא, היות עס איז העכער**

פון כלים, איז יעצט טאקע דער זמן וואס איך קען זיך צוכאפן צו דעם אור!"

און מ'זאגט פאר'ן יצר הרע: "טאקע ווייל איך האב נישט געלערנט בהתמדה א גאנץ יאר, און טאקע ווייל איך האב פארשפעטיגט אזוי פיל מאל פארטאגס, איז יעצט שמחת תורה די צייט ווען איך קען זיך אנכאפן אין דעם אור התורה, כדי די קומענדיגע יאר זאל איך יא אויפשטיין פארטאגס יעדן טאג, איך זאל יא קענען ענדיגן מסכתא נאך מסכתא און ענדיגן מקצוע נאך מקצוע, און איך זאל יא קענען לערנען מיט א רציפות אן מפסיק זיין אינמיטן לערנען..."

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען פראווען "שישו ושמחו בשמחת התורה", און אויסבעטן אלעס גוטס!

## בדרכי רבותינו

# די הייליגע הקפות במחיצתם פון די הייליגע צדיקים

### "כעול על צווארו": א מצוה איז א 'תכשיט'

די **משנה** זאגט אין אבות (פ"ב, מ"א) "הוי מחשב שכר מצוה", דאס טייטש אז א מענטש זאל זיך מתבונן זיין אין דעם שכר פון א מצוה. ד.ה. אוודאי און אוודאי, ביי מתן תורה האבן מיר געזאגט "נעשה ונשמע", מיר וועלן מקיים זיין אלע תרי"ג מצוות מיט אלע דרבנן'ס, מיט אלע גדרים וסייגים, אפילו אויב מיר פארשטייען נישט און אפילו אויב מיר שפירן נישט, זענען מיר דאך געטרייע עבדי ה'.

אזוי ווי עס איז דא די מצוה פון 'קריאת שמע', די מצוה פון קבלת עול מלכות שמים צוויי מאל א טאג - איינמאל אינדערפרי און איינמאל ביינאכט - ווען מיר זאגן "שמע ישראל" זענען מיר מקבל עול מלכות שמים. און מקבל זיין עול מלכות שמים מיינט: אפילו איך פארשטיי נישט און אפילו איך שפיר נישט.

עס איז דא א באקאנטע **רש"י** אין מסכת ראש השנה אויף די גמרא "מצוות לאו ליהנות ניתנו", וואו רש"י זאגט אז די מצוות זענען געגעבן געווארן "כעול על צווארו", ווי א יאָך אויף זיין האלדז.

עס איז ידוע דער טייטש פונעם הייליגן **'חידושי הרי"ם'** זי"ע, פונעם הייליגן **רבי ר' בונם** זי"ע און נאך: לכאורה א "עול" לייגט מען ארויף אויף די גענאַק, אבער "צווארו" מיינט דעם האַלדז פון פאָרנט, איז דאך דאס לכאורה א סתירה?

זאגט דער הייליגער רבי ר' בונם: א מצוה דארף געטון ווערן מיט ביידע בחינות. פון איין זייט דארף מען טון א מצוה **מיט א קבלת עול מלכות שמים** - איך בין אן עבד ה'. פון די אנדערע זייט דארף מען וויסן אז **א מצוה איז ווי א תכשיט, ווי א צירונג וואס מען לייגט אויפ'ן האַלדז פון פאָרנט**. מען דארף טון די מצוה מיט א חיות, מיט א התלהבות, מיט א געשמאקייט און מיט א פרייליכקייט.

בעזרת השם וועלן מיר דא זען וואס עס טוט זיך אפ ביי די הקפות, און דאס וועט אונז מעורר זיין און ארייגעבן א געוואלדיגע חשק אז עס זאל זיין א "עול על צווארו". פון איין זייט גייען מיר צו צו די הקפות ווי אַן עבד השם, מיר גייען אריין אין די הקפות ווייל אזוי שטייט אין **זוהר הקדוש**. דאס איז געווען דער מנהג פון די הייליגע **ראשונים**, ווי עס ווערט שוין געברענגט אין **'סידור רש"י'** (אות ש"ז), און ביי זיין תלמיד דער הייליגער **'מחזור ויטרי'** (סימן שפ"ג), און אין אנדערע ראשונים ווי דער **מהרי"ל** (מנהגי סוכות אות ל"ה).

דער **רמ"א** ברענגט אראפ דעם מהרי"ל וואו עס ווערט שוין געברענגט דער מנהג פון שמחת תורה און די געוואלדיגע שמחה ביי די הקפות. די ראשונים האבן שוין אוועקגעשטעלט נוסחאות דערויף, און אין מחזור ויטרי שטייט אז מען זאגט "אתה הראת" און מען איז מקיף די בימה, אזוי ווי עס שטייט אין **מהר"י טורנא** (מנהגי סוכות אות ל"ה), וואס כידוע האט דער הייליגער רמ"א געבויט אסאך הלכות פון זיין הייליג ספר **'דרכי משה'** און די עצם רמ"א אויפ'ן מחבר.

### די כוח פון שמחה של מצוה צו עפענען שערי חכמה

בעזה"י וועלן מיר יעצט זען די

געוואלדיגע שפע און די סגולות וואס געפינען זיך ביי שמחת תורה. קודם וועלן מיר מקדים זיין בכלליות דעם ענין פון 'שמחה של מצוה' און איר געוואלדיגע גרויסקייט.

אין די הקדמה פון '**ספר חרדים**' זאגט ער אזא לשון: "**גילה הרב החסיד המקובל מרן רבי יצחק אשכנזי**", דער הייליגער אר"י הקדוש האט מגלה געווען, "**לאיש סודו**", צו רבי חיים ויטאל, "**שכל מה שהשיג שנפתחו לו שערי חכמה ורוח הקודש**". די אלע תורות וואס דער אריז"ל האט משיג געווען אין סודות התורה, און רוח הקודש וואס האבן זיך אים געעפנט, "**היה בשכר שהיה שמח בעשיית כל מצוה שמחה גדולה לאין תכלית**", ווייל ער פלעגט זיך פרייען ביים טון א מצוה מיט א שמחה גדולה לאין תכלית.

אין די הקדמה צו '**שער המצוות**' שרייבט רבי חיים וויטאל בשם זיין הייליגן רבי'ן: "**וכפי גודל שמחתו באמת ובטוב לבב הפנימי, כך יזכה לקבל אור עליון**". עס שטייט דא קלאָר אז '**שמחה של מצוה' ברענגט דעם מענטש צו די גרעסטע מדרגות.**

דער הייליגער רבי חיים וויטאל ברענגט אין '**שערי קדושה**' (פ"ב, שער ד') א מורא'דיגן יסוד איבער שמחה של מצוה, וואס דארף אונז געבן א געוואלדיגן חשק צו שמחת תורה. ער שרייבט אז מען זאל וויסן: **אפילו אויב א מענטש איז א צדיק – און מען רעדט פון א צדיק וואס דער אריז"ל און רבי חיים וויטאל מעידים אויף אים – איז דער ערשטער 'פראביר' פונעם יצר הרע אים צו מאכן נישט זיין בשמחה.** פארוואס? **ווייל די שמחה איז דער שליסל צו דינען דעם אייבערשטן מיט חשק און צוקומען צו די גרעסטע דביקות.**

פארשטייט זיך, אז ווען מיר רעדן דא פון שמחה של מצוה, גייט דאס אינאיינעם מיט א געוואלדיגע יגיעה אין די תורה הקדושה. דער אריז"ל האט געזאגט פאר רבי חיים וויטאל, ווען יענער האט אים געפרעגט פארוואס ער האט זוכה געווען צו די אלע גילויים מער פון אנדערע גדולי עולם אין זיין דור: "**ווייל איך האב געהארעוועט אין תורה**".

ווען רבי חיים וויטאל האט געענטפערט אז יענע האבן אויך געהארעוועט, האט דער אריז"ל געזאגט: "**אמת, אבער איך האב געהארעוועט מער פון זיי**". ער האט דערציילט אז **עס האבן געקענט דורכגיין עטליכע טעג וואס ער האט נישט געגעסן און נישט געטרונקען ביז ער האט משיג געווען א פשט אין א זוהר אדער אין א מאמר חז"ל.**

דאס וועט אונז געבן א געוואלדיגן יסוד וויאזוי צוצוגיין צו שמחת תורה - אז מען דארף זיך פרייען מיט א מצוה און מיט די תורה הקדושה. ווען א מענטש הערט אז דער אריז"ל אליין זאגט אז דאס איז געווען דער שליסל צו זיין גאנצע גרויסקייט, דארף ער פשוט ארויסגיין פון די כלים און טאנצן פאר שמחה פארן אויספינען דעם סוד.

אוודאי זאל א מענטש זיך נישט איינרעדן אז ער וועט ווערן דער אריז"ל... אבער יעדער האט זיין תפקיד אויף דער וועלט, און מיר דארפן וויסן אז יעצט שמחת תורה, ווען מיר וועלן זיך פרייען מיט די תורה, וועלן מיר זוכה זיין צו די אלע מדרגות.

## די עבודה פון די הייליגע צדיקים ביי די הקפות

מיר וועלן בעזה"י אריינגיין אין דעם 'חנוני של בושם' און זען ווי אזוי די הייליגע צדיקים האבן געטאנצן ביי די הקפות און זיך משמח געווען מיט די תורה.

דער אריז"ל (ווי עס ווערט געברענגט אין '**פרי עץ חיים**' שער הלולב פרק ח') זאגט אז דער "**מנהג ישראל שביום שמיני עצרת עושין שמחה גדולה לפני הספרים**", מ'מאכט א געוואלדיגע שמחה, "**מקיפה שבע הקפות עם הספרים, וקוראין אותו שמחת תורה**". ער ברענגט דעם **זוהר הקדוש** (פרשת פנחס דף רנ"ו) "**ונוהגין בני ישראל למעבד עמו חדוה, ואיתקריאת את שמחת תורה**".

דאס טייטש אז דער אריז"ל איז מגלה אז דער זוהר הקדוש האט דאס שוין אנטפלעקט פאר אונז - אז שמחת תורה טאנצט מען און מען פריידט זיך מיט די תורה. אבער ווי מיר האבן שוין געלערנט, ווערט דאס אין בבלי און ירושלמי נישט דערמאנט, און אפילו אין זוהר שטייט דאס נאָר בקיצור נמרץ. ווי מיר האבן שוין מסביר געווען באריכות פונעם הייליגן בעל התניא, איז דאס צוליב דעם וואס עס קומט פון אזא הויכן פלאץ וואס האט זיך אפילו נישט געקענט מצמצם זיין אין אותיות.

## ווי אזוי דער הייליגער אריז"ל האט געטאנצן פאר די ספרי תורה

רבי חיים וויטאל זאגט ווייטער, און ער גייט דא דערציילן וואס עס האט זיך אפגעטון שמחת תורה ביים הייליגן אריז"ל.

מען דארף וויסן, אז געווענליך ווען מען דערציילט סיפורי צדיקים, איז כדי דער סיפור זאל זיין מדויק, דארף מען האבן א קבלה פון וועמען מען האט עס געהערט. יעדער פארשטייט מסתמא אז ביז מיר הערן שוין די מעשה, איז מעגליך אז עס פעלן

געוויסע נקודות אדער פרטים פונעם סיפור. אבער דא האבן מיר א מעשה וואס דער הייליגער רבי חיים וויטאל אליין שרייבט, און ער זאגט אונז פונקטליך וואס דארט איז פארגעקומען. עס קומט אויס אז אזא מעשה איז ממש שוה כל הון.

ער זאגט אזוי: "**ואני ראיתי למורי ז"ל שהיה הולך לפני הספרים**" - איך האב געזען מיין רבי'ן גיין פאר די ספרי תורה. דער אריז"ל איז געגאנגען פארן ספר תורה פונקט **ווי א חתן לקראת כלה**, אזוי ווי עס שטייט פון **רש"י הקדוש** (שם) און אינעם '**מחזור ויטרי**', אז ווען מען עפנט דעם ארון קודש און מען נעמט ארויס די ספרי תורה, טאנצט מען "כחתן לפני הכלה". אזוי האט זיך דער הייליגער אריז"ל געפירט; ער האט געטאנצן פארן ספר תורה פונקט ווי א חתן טאנצט פאר א כלה.

ער זאגט ווייטער: "**והיה מרקד ומרנן ושמח בכל יכולתו**". זאגט דער הייליגער רבי חיים וויטאל אז זיין רבי, דער אריז"ל, האט געטאנצן מיט זיין גאנצן כח. מיר דארפן וויסן אז ביי רבי חיים וויטאל איז יעדעס ווארט געווען געמאסטן. ווען ער שרייבט "בכל יכולתו" - מיט זיין גאנצן כח - מיינט עס כפשוטו ממש. עס מיינט נישט בלויז אז דער אריז"ל האט געטאנצן מיט התלהבות, **נאָר דער אריז"ל, וואס מיר האבן גארנישט קיין השגה אין אים און מיר האבן בלויז די זכיה צו דערמאנען זיין נאמען, האט געטאנצן "בכל יכולתו"**.

זאגט ער ווייטער: מיינט נישט אז דאס איז נאר געווען ביי איין הקפה, נאָר "**בכל השבע הקפות בלילה**" - ביי אלע זיבן הקפות ביינאכט. ער דערציילט ווייטער אז נאכדעם וואס דער הייליגער אריז"ל האט געענדיגט טאנצן די הקפות ביי זיך אין בית המדרש, זאלט איר נישט מיינען אז דא האבן זיך די הקפות געענדיגט... ניין, דער אריז"ל איז דורכגעגאנגען א צווייטן בית המדרש וואו מען האט נאך געהאלטן אינמיטן די הקפות, איז ער ארייגעגאנגען אהין און ווייטער אנגעהויבן טאנצן.

"**אחר כשהיה הולך לבית הכנסת אחרת, שהיו מתאחרין שם**" - ווען ער איז געגאנגען צו א צווייטע שול וואו מען האט זיך פארזוימט מיט לענגערע הקפות, "**והיו עושין הקפות והם הספרים, היה חוזר וסובב עמהם**" - פלעגט ער איבערחזרן און ארומגיין מיט זיי. זאל מען אבער נישט מיינען אז ער האט בלויז געמאכט איין הקפה און איז ארויס; ניין, "**ומרקד ומרנן בשמחה גדולה**". ווען דער אריז"ל האט געטראפן א צווייטן בית המדרש, כאטש ער האט שוין לאנג געענדיגט די הקפות ביי זיך, האט ער דא פריש אנגעהויבן טאנצן.

לאמיר זיך דא אפשטעלן און זיך פארשטעלן א רבי מיט חסידים, א ראש ישיבה מיט זיינע תלמידים, אדער א רב מיט א ריזיגע קהילה פון טויזנטער מענטשן, ווען מען ענדיגט די הקפות און דער רבי אדער דער ראש ישיבה גייט אהיים. יעדער פארשטייט אז יעצט דארף מען אהיימגיין עסן די סעודה. פלוצלינג זאגט דער רבי: "ניין, אנטשולדיגט, עס איז דא נאך א רב וואס טאנצט יעצט הקפות, לאמיך אריינגיין". און מען גייט אריין, און דער רבי וואס האט שוין געענדיגט טאנצן מיט זיינע טויזנטער חסידים, פאנגט אן פריש צו טאנצן. דער הייליגער אריז"ל האט געענדיגט ביי זיך די הקפות, און יעצט פאנגט ער פריש אָן. רבי חיים וויטאל זאגט ווייטער אז דאס איז נאך נישט געווען אלעס; ער האט געענדיגט אין יענעם בית המדרש און אויפן וועג אהיים האט ער געטראפן א דריטן בית המדרש, האט ער נאכאמאל אנגעהויבן טאנצן.

זאגט רבי חיים וויטאל: "**וכן אם נתאחר בבית הכנסת אחרת, היו עושין גם כן**" - אזוי האט ער געטאן אויך ביי א דריטע שול! מיר זעען דא די געוואלדיגע עבודה פונעם אריז"ל, ווי ער האט געזונגען און געטאנצן מיט זיין גאנצן כח, און ער האט נישט פארפאסט קיין שום בית המדרש אויפן וועג אהיים. קיינער פון די תלמידים האט אים נישט געקענט אפהאלטן. מען וואלט געקענט מיינען אז מען וועט אים זאגן: "**רבי, עס פּאַסט נישט, איר האט שוין געענדיגט די הקפות ביי אייך, ווי פאסט עס אריינצוגיין אין א צווייטן בית המדרש אדער צו א צווייטן חסידות?...**" אבער ניין, דער אריז"ל האט דארט פריש געטאנצן.

## די תורות און סיפורים פונעם הייליגן בעל שם טוב הקדוש זי"ע

מיר גייען יעצט צום אור שבעת הימים, דעם הייליגן **בעל שם טוב הקדוש** זי"ע, צו זען וואס עס האט זיך אפגעטון ביי אים ביי אָט די דערהויבענע הקפות. עס איז נישט שייך צו מסביר זיין, אבער עס איז דא א שמועס וואס דער הייליגער בעל התניא האט דערציילט, וואו דער בעל שם טוב האט מסביר געווען וואס עס טוט זיך אפ ביי די הייליגע הקפות. דער בעל התניא האט געזאגט, אז דאס ערשטע מאל וואס דער בעל שם טוב האט מגלה געווען וואס עס טוט זיך אפ שמחת תורה, איז געווען דורך די פאלגנדע תורה.

ער האט דערציילט אזוי: מיר

ווייסן דאך אז לויט'ן שולחן ערוך קומט מען יו"ט שפעטער אין שול אינדערפרי צוליב שמחת יו"ט. האט דער הייליגער בעל שם טוב געזאגט, אז שמחת תורה אינדערפרי שטייען די מלאכים אויבן אין הימל אויף און ווילן זאגן שירה אזוי ווי יעדן טאג, אבער **פלוצלינג זעען זיי אז דער גן-עדן איז ליידיג. פארוואס? ווייל מען האט נאך נישט אנגעהויבן דאווענען.** דער עולם האט געענדיגט די הקפות שפעט ביינאכט, און ממילא האט מען נאך נישט אנגעהויבן דאווענען.

גייען די מלאכים אריין אין גן-עדן זעהן וואס דא טוט זיך און פארוואס מען דאווענט נאך נישט, ווייבאלד די גמרא זאגט אז די מלאכים קענען נישט זאגן קיין שירה ביז אידישע קינדער זאגן שירה. "כתר יתנו לך ה' אלקינו מלאכים המוני מעלה" - די מלאכים געבן א כתר פארן אייבערשטן נאָר ווען "ועמך ישראל קבוצי מטה" זאגן קדוש, ערשט דעמאלט קענען זיי זינגען צום אייבערשטן. גייען זיי אין גן-עדן זען וואס דארט טוט זיך, און זיי טרעפן דארט שיך - צוריסענע שיך... זיי וואונדערן זיך: **וואס גייט דא פאָר? וואס טוען דא די צוריסענע שיך?**

## די צעריסענע שיך פון שמחת תורה וואס ווערן א כתר פארן אייבערשטן

זיי גייען צום מלאך מיכאל און פרעגן אים: "וואס גייט דא פאָר? פארוואס איז דער גן-עדן פול מיט שיך?" האט מלאך מיכאל געענטפערט: **"דאס איז מיין סחורה!"** ער האט זיי מסביר געווען אז נעכטן ביינאכט זענען אידישע קינדער געטאנצן הקפות. אין יענע צייטן האט מען נישט געהאט אזעלכע שטארקע שיך, און אזוי ווי מען האט געטאנצן מיט גרויס כח ביי די הקפות, זענען די שיך צוריסן געווארן. **די הייליגע צוריסענע שיך גייען ארויף גלייך צו דער פמליא של מעלה, און דער גאנצער גן-עדן ווערט פול מיט זיי.**

זאגט דער הייליגער מלאך מיכאל: יא, דאס קומט פון די אידישע טענץ שמחת תורה, וואס די אידישע קינדערלעך טאנצן און פרייען זיך מיט דעם אייבערשטנ'ס תורה. ער פאנגט אָן צו ציילן די שיך פון דעם שטעטל און פון יענעם שטעטל, און דער הייליגער מלאך מיכאל גייט און נעמט צוזאם די אלע שיך און ער בארימט זיך דערמיט פאר 'מלאך מט"ט'. ווי מיר ווייסן, זאגט די גמרא אז מלאך מט"ט איז "קושר כתרים לקונו" פון די תפילות פון ישראל, אבער **מלאך מיכאל מאכט א כתר פון די אלע צעריסענע שיך, ער מאכט א שענערע כתר פון די צעריסענע שיך פון שמחת תורה**, נאך מער ווי מלאך מט"ט.

## די שמחה און ברכות פונעם הייליגן צמח צדק

עס איז דא נאך א מורא'דיגער מאמר פונעם הייליגן בעל שם הקדוש אויף שמחת תורה. דער הייליגער **ריי"ץ** פון **ליובאוויטש** זי"ע ברענגט עס אין די שיחות פון שנת תרצ"ט (אות ד'), וואס ער האט מקבל געווען פון זיינע הייליגע אבות.

עס איז געווען שמחת תורה שנת תר"ז, האט דער הייליגער '**צמח צדק**' זי"ע געזאגט א תורה וואס ער האט געהערט פון דעם חסיד **רבי פנחס רייזעס** זצ"ל. רבי פנחס רייזעס האט געהערט די תורה פונעם הייליגן בעל התניא, וואס דער בעל התניא האט עס מקבל געווען פונעם גרויסן מגיד בשם דעם בעל שם הקדוש. ער האט געזאגט אזוי: אין פסוק שטייט "עץ חיים היא למחזיקים בה ותמכיה מאושר". עס שטייט דא אז די תורה איז אן עץ חיים פאר די וואס האלטן זיך שטארק אן אין די תורה, און די וואס שטיצן די תורה זענען גליקליך.

האט דער הייליגער בעל שם הקדוש געטייטשט: "ותמכיה" איז מיט א סמ"ך, און א שי"ן מיט א סמ"ך זענען זיך מתחלף, איז כאילו עס שטייט "ושמחיה" - דער וואס פרייט זיך מיט די תורה איז "מאושר". האט דער הייליגער בעל שם הקדוש געזאגט: **דער וואס פריידט זיך מיט די תורה און ער מאכט די תורה פרייליך, "ושומחי"', ער פריידט זיך און ער משמח די תורה, "מאושר" - ער וועט זיין גליקליך מיט בנים ובני בנים עוסקים בתורה.**

האט דער הייליגער צמח צדק ווייטער געזאגט: **"עס איז שוין הונדערט יאר זינט דער בעל שם הקדוש האט געזאגט די תורה, און דער הייליגער בעל שם הקדוש זאגט יעצט די תורה אין גן-עדן!"** דער צמח צדק איז אריין אין אזא התלהבות, אז ער האט געוויזן פאר די חסידים מיט זיין פאַטשיילע אז מען זאל אנהייבן טאנצן מיט ברען...

עס איז דא נאך א מימרא פונעם הייליגן צמח צדק וואס ער האט געזאגט אין יאר תקע"ז, עס ווערט אויך געברענגט אין '**ספר השיחות**' פונעם ריי"ץ שנת תש"ג (אות ז'). ער האט געזאגט אז דער הייליגער צמח צדק האט אין יענעם יאר געטאנצן ממש למעלה מדרך הטבע, אז אפילו די געזונטע יונגעלייט האבן נישט געקענט מיטהאלטן, און טייל זענען ממש אוועקגעפאלן אין א חלשות... דער צמח צדק האט אבער ווייטער

געטאנצן, און אינמיטן טאנצן האט ער אויסגערופן: **"טאנצט אידעלעך, טאנצט! פרייט זיך מיט די שמחת התורה, און אין דעם זכות וועט איר זוכה זיין צו בני, חיי ומזוני רויחי!"**

## די עבודה און שמחה פונעם הייליגן ווילנער גאון זי"ע

אין ספר **'מעשה רב'** פונעם הייליגן **ווילנער גאון** זי"ע שרייבן די תלמידים אז **"היה שמח מאוד בחג הסוכות"**. א גאנץ סוכות האט ער זיך מורא'דיג געפרייט, **"וביותר בשמיני עצרת, כי הוא יותר יום שמחה מכל ימי החג על פי סוד"**. דאס מיינט אז על פי סוד דארף מען זיך פרייען אין דעם טאג מער ווי אלע אנדערע טעג.

דער מקור איז אין **זוהר הקדוש** (פרשת ויגש דף ר"ח ע"ב), וואו עס שטייט אויפ'ן פסוק "ביום השמיני עצרת תהיה לכם", זאגט דער הייליגער זוהר: **"דא בזמנא דא, איהו קודשא בריך הוא בלחודיה בחבורא חדא עם ישראל"**, ווי עס שטייט "אחי ורעי", אז דער אייבערשטער פרייט זיך דעמאלטס מיט די אידישע קינדער פריוואט.

אין ספר **'תוספות מעשה רב'** (אות ס"ו) ברענגט ער אראפ אז דער הייליגער ווילנער גאון האט געזאגט: א גאנץ סוכות האט מען מקריב געווען קרבנות פאר די 70 אומות, אבער נאכדעם זענען זיי אוועקגעגאנגען. שמיני עצרת זענען מיר באזונדער מיט דעם אייבערשטן. די לשון פונעם ווילנער גאון איז געווען: **"היא דוגמת עולם הבא לעתיד שלא יתערב זר בשמחתנו"**, און דערפאר האט זיך דער ווילנער גאון מורא'דיג געפרייט.

די תלמידים פארציילן ווייטער אז דער ווילנער גאון פלעגט זאגן פיוטים "ברנה וקול זמרה", ווי דער פיוט "אדרת ואמונה", "ויעשו חיל", און דער פיוט "תתברך ותשתבח" וואס איז געדרוקט אין די מעמדות נאך "אני מאמין", און נאך אנדערע פיוטים מיט א שמחה גדולה.

אין ספר **'אדרת אליהו'** אויף ספר דברים (קאפיטל א') שרייבט ער אזוי: מיר וויסן דאך אז די **גמרא** זאגט אין מסכת עירוכין (יג:) אז דער "כינור של ימות המשיח" וועט האבן אַכט סטרונעס, "שמונה נימין", ווייל עס שטייט "למנצח על השמינית". זאגט דער הייליגער ווילנער גאון אז **דאס גייט ארויף אויף שמיני עצרת, וואס איז א "דוגמת עולם הבא", און אויף דעם גייט ארויף דער כינור פון שמונה נימין.**

די תלמידים פארציילן ווייטער דארט אין 'מעשה רב', אז **ווען עס איז געקומען שמחת תורה, האט דער הייליגער ווילנער גאון מקיף געווען די בימה מיט א ספר תורה זיבן מאל.** ער שטייט דארט אַן אינטערעסאנטע זאך: זיבן מאל האט מען געמוזט טון, אבער ער האט געזאגט אז **מען האט מוסיף געווען נאך הקפות.** מען האט געזונגען די אלע פיוטים וואס מיר האבן דערמאנט ביי שמיני עצרת אויך ביי די הקפות פון שמחת תורה, און ער לייגט צו אז **דער הייליגער ווילנער גאון האט געזונגען א פיוט וואס דער הייליגער אר"י הקדוש האט מחבר געווען**, וואס איז געדרוקט אין שערי ציון, און עס הייסט "ברוך שמך".

זיי פארציילן ווייטער אז דער הייליגער ווילנער גאון פלעגט טאנצן פארן ספר תורה, אזוי ווי עס ווערט אראפגעברענגט אין די ראשונים אז מען טאנצט פארן ספר תורה **"כחתן לקראת כלה"**. אזוי פלעגט אויך דער ווילנער גאון גיין פארן ספר תורה, און די לשון פון די תלמידים איז: **"שמח מאד ברוב עוז וחדוה, וחכמת אדם תאיר פניו כלפיד אש בוערת"** - דאס פנים פונעם הייליגן ווילנער גאון איז געווען ווי א פלאם פייער, **"ומספק כף על כף, ומקרקר בכל עוז לפני הספר תורה"**.

## דער היתר פון טאנצן און קלאַטשן לכבוד התורה

מיר וויסן דאך אז עס איז דא א גזירה נישט צו טאנצן שבת ויו"ט "שמא יתקן כלי שיר". אבער עס קומט דער הייליגער **מהרי"ק** - און דער **'מגן אברהם'** און דער **'דרכי משה'** ברענגען אים אראפ - אז לכבוד התורה מעג מען טאנצן. די **'משנה ברורה'** אין **'שער הציון'** (תרס"ט ס"ק ז') זאגט אז מען מעג אפילו קלאטשן מיט די הענט. מיר וויסן אז ביי אסאך חצירות פון חסידים האט מען געטאנצן און געקלאטשט יעדע שבת. עס זענען געווען מנהגים ביי חסידים אז מען האט נישט געקלאטשט נאר מיט א שינוי, אבער דא זעען מיר אז **ווען עס איז געקומען שמחת תורה האט דער הייליגער ווילנער גאון געטאנצן און געקלאטשט**, און די משנה ברורה צייכנט עס טאקע צו.

לאמיר זיך דא מתבונן זיין: די תלמידים פונעם הייליגן ווילנער גאון ניצן די לשון "מכרכר בכל עוז", וואס איז א לשון וואס שטייט ביי דוד המלך ע"ה. די תלמידים פונעם ווילנער גאון זענען געווען מורא'דיגע דייקנים מיט זייערע לשונות. **דא זעען מיר ווי די הייליגע צדיקים, ווען עס איז געקומען די צייט זיך צו פרייען מיט די תורה, האבן זיי נישט געקוקט אויף זייער כבוד און געטאנצן מיט אלע כוחות.**

אין ספר **'חיי אדם'** (כלל קנ"ג סעיף ז'), וואס איז כידוע געווען א תלמיד

און א מחותן פונעם ווילנער גאון, ברענגט ער אראפ די לשון: "**והיה מקיף ומרקד לפני הספר תורה בכל כחו**".

מיר זעען דא ווי די הייליגע צדיקים, ווען עס איז געקומען שמחת תורה, האבן זיי ממש געטאנצן מיט א בחינה פון עולם הבא.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו "שישו ושמחו בשמחת התורה", און צו א לעכטיגע קוויטל, האט'ס גע'פועל'ט אלעס גוטס!

## התחזקות למעשה

# די באַרייט פון די הייליגע ריקודים שמחת תורה

### טאנצן אויף דעם וואס מען גייט לערנען להבא

**בעצם שטעלט זיך די קשיא:**

פארוואס טאנצט מען ביי די הקפות? וויפיל מסכתות האסטו מסיים געווען? וויפיל חלקים אין שולחן ערוך האסטו געענדיגט? וויפיל מאל האסטו פארפעלט אויפצושטיין פארטאגס? און אפילו אויב דו האסט יא געלערנט, און דו האסט יא געלערנט מסכתא נאך מסכתא און מקצועות אין שולחן ערוך, וויפיל מאל האסטו גערעדט אינמיטן לערנען? וויפיל מאל האסטו מפסיק געווען אינמיטן לערנען? וויפיל מסכתות האסטו נאך געקענט מסיים זיין? דו האסט דאך געהאט אזוי פיל איבריגע צייט. אויב אזוי, וואס טאנצט מען שמחת תורה?

קומט צו גיין דער הייליגער **קאָצקער** זי"ע – דער '**שם משמואל**' זי"ע ברענגט עס אין שנת תרע"ב – און ער זאגט א מורא'דיגע זאך: "**ענין שמחת תורה אמר כ"ק זקני זצ"ל מקאצק, שהיא על מה שנלמוד להבא**", מען טאנצט אויף דעם וואס מען גייט לערנען ווייטער, "**כי על שעבר, מי זה שיכול לומר שכבר למד**". ווער קען זאגן אז ער האט געלערנט ווי עס דארף צו זיין? ווער קען זאגן אז א גאנץ יאר האט ער געלערנט בשלימות? קומט אויס אז דער הייליגער קאצקער האט אונז דא געגעבן א חיזוק נפלא מאוד: **שמחת תורה טאנצט מען אז מען גייט לערנען די תורה, מען גייט יעצט אנפאנגען.**

### דער 'לב שמחה' פון גור זי"ע: א פרישער אנהייב

עס איז דא א מורא'דיגע מעשה פונעם הייליגן '**לב שמחה**' פון **גור** זי"ע.

בימי הנהגתו פון זיין ברודער דער '**בית ישראל**' זי"ע, איז שמחת תורה יעדעס יאר געווען א מנין צו עולה זיין ביי קריאת התורה פארן גרויסן מנין אין בית המדרש. עס איז געווען אויף די זייט א מנין ביים 'פני מנחם' אין שטוב, (און דאס איז געווען פאר די אלע חתנים). און מדי שנה בשנה האט זיך איבערגעחזר'ט די זעלבע מחזה: דער פני מנחם האט מכבד געווען זיין ברודער, דעם לב שמחה, מיט 'חתן תורה'.

אבער דער לב שמחה פלעגט זאגן אז ער וויל נישט, ער פלעגט האלטן אז חתן תורה באלאנגט פארן ראש ישיבה, וואס ער לערנט פאר שיעורים א גאנץ יאר און ער איז דער מרביץ תורה פאר די תלמידים. אזוי האט דער לב שמחה געזאגט בענוותנותו, הגם מיר ווייסן אז דער לב שמחה 'לא פסק פומיה מגירסא'.

ביז אזוי ווייט אז אינעם ספר 'לב שמחה' טרעפט מען תורות וואס ער שרייבט "בחלומִי" – תורות וואס ער האט משיג געווען אין זיין חלום, אזוי דבוק איז ער געווען אין די תורה הקדושה. אבער ער האט אייביג צוגעענדיגט נאך א מימרא, וואס די מימרא איז א געוואלדיגער חיזוק. ער פלעגט זאגן: "**איך קען אנפאנגען, יעדער איד קען אנפאנגען פון פריש, אויב אזוי וועט מיין עליה זיין חתן בראשית!**"

עס איז דער זעלבער יסוד וואס מיר האבן אראפגעברענגט פונעם הייליגן קאצקער: **יום שמחת תורה טאנצט מען אויף להבא, אז --- מען גייט אנפאנגען**. אוודאי האט עס דער לב שמחה געזאגט ברוב ענוותנותו, אבער די מעשה פאר אונז גערעדט איז א געוואלדיגע חיזוק.

## די כח השמחה מבטל צו זיין גזירות: די מעשה נורא פונעם סקווערער רבי'ן זי"ע

אויף דעם וועלן מיר פארציילן א מעשה נורא וואס דער **ראחמיסטריווקער רבי** זי"ע ברענגט אראפ אין זיין ספר 'אמרות טהורות'. כידוע האט ער געלערנט בחברותא מיט זיין שווער, דער **סקווערער רבי** זי"ע, א געוואלד מיט מקצועות התורה, סיי מסכתות גמרא ותוספות מיט די ראשונים און אחרונים, און סיי כמה וכמה חלקי שולחן ערוך, ווי אויך האט ער געהערט פון אים א געוואלד מיט הדרכות און זאכן קבלה מאבותיו הקדושים.

דער ראחמיסטריווקער רבי פלעגט פארציילן א מעשה וואס ברענגט ארויס די געוואלדיגע אהבת התורה און די הדרכה ווי אזוי מיר זאלן צוגיין צו שמחת תורה.

עס איז געווען שנת תש"ה, ז' אלול, ווען עס איז ל"ע נפטר געווארן ביים סקווערער רבי זיין עלטסטע טאכטער פייגא מלכה ע"ה, זי איז געווען א מורא'דיגע אשה צדקנית. גלייך ווען ער האט געהערט די בשורה האט ער זיך צעוויינט אויף א מינוט, אבער דער ראחמיסטריווקער רבי זאגט אז **גראד דערויף – נאך יענע מינוט – האט ער זיך מורא'דיג מחזק געווען און מען האט גארנישט געקענט זען אויף אים.**

ער זאגט אז זיין שווער האט געהאלטן אז מען דארף זיך מחזק זיין און מסיח דעת זיין פון די גאנצע זאך, און אפילו ווען עס איז געקומען צו זאגן קדיש, האט ער ממנה געווען א צווייטן זאל עס זאגן. כידוע זענען דא אין דעם ענינים און מנהגים, אבער ער האט ממנה געווען א צווייטן ווייל ער האט געוואלט מסיח דעת זיין און אנגיין מיט זיין עבודת הקודש בהתחזקות.

יענע יאר שמחת תורה, ווען עס איז נאך געווען אינמיטן די שלושים פון די פטירה, פארציילט דער ראחמיסטריווקער רבי אז ביי די הקפות – וואס בכלל ביי דעם סקווערער רבי זי"ע זענען די הקפות געווען אויף אן אופן נורא מאוד בהתגלות, הגם א גאנץ יאר איז זיין עבודת הקודש געווען באהאלטן, אבער די הקפות זענען כידוע געווען מיט א מורא'דיגע התגלות, און עס איז אויך באקאנט דער "קלאטשן טיש" וואס איז געווען א געוואלדיגע התגלות השמחה.

יענע יאר ביים קלאטשן טיש האט דער סקווערער רבי גאר שטארק געקלאטשט. די שמחה איז געווען עד להפליא, אזוי אז דער גאנצער עולם האט געקענט זען באתגליא די שמחה עצומה. די רעבעצין טראנא ע"ה האט עס אביסל געארט, און נאכן טיש האט זי געפרעגט איר הייליגן מאן: **"וואס איז די גדולה דאס יאר מער ווי אלע יארן?"** אין אנדערע ווערטער האט זי אים געפרואווט מרמז צו זיין אז מען האלט נאך אינמיטן די שלושים נאך די עלטסטע טאכטער.

האט דער הייליגער סקווערער רבי געענטפערט מורא'דיגע יסודות און הדרכה אין עבודת השם. ער האט געזאגט צוויי זאכן:

דער ערשטער זאך האט ער געזאגט, **"מען פאַטשט נישט שמחת תורה אויף דעם וואס איז געווען, מען פאַטשט אויף דעם וואס עס גייט זיין"**.

און די צווייטע זאך האט ער געזאגט: **"און אפשר טאקע האב איך פאראיאר צו ווייניג געפאַטשט..."**

דאס מיינט אז דער סקווערער רבי האט אונז דא מגלה געווען צוויי מורא'דיגע זאכן:

**א)** אז שמחת תורה פרייט מען זיך נישט אויפן עבר, נאר די עבודה איז אויף להבא.

**ב)** אז די עבודת הקודש פון שמחת תורה האט אזא כח אין הימל אז עס וואלט אפילו געקענט מבטל זיין די גזירה, און ער האט געהאלטן אז אויב ער וואלט געקלאטשט און געטון זיין עבודה לפום דרגא דיליה מיט מער ברען פאריגע יאר, וואלט ער אפשר מונע געווען די גזירה.

ומידה מידת טובה מרובה: **ווען אידן טאנצן און פרייען זיך שמחת תורה, האבן מיר נישט קיין מושג וויפיל גזירות רעות מיר זענען מבטל און וויפיל השפעות טובות מיר ברענגען אראפ.**

## די עבודת הצדיקים העכערן שכל אנושי

איך וויל נאר דא צוענדיגן: ווען מען הערט אזא מעשה דארף מען וויסן אז מיר האבן נישט קיין השגה אין די צדיקים.

עס זענען דא וואס עס קען ביי זיי אריינפאלן א מחשבה כאילו דעם סקווערער רבי'ן זי"ע האט בכלל גארנישט געארט אז זיין טאכטער איז אוועק. דארף מען אבער וויסן א כלל גדול אז ביי די עבודת הצדיקים האבן מיר נישט קיין שום השגה, און אפילו אויב מען זאל לעבן טויזנט יאר וועלן מיר נישט פארשטיין פון וואס מען רעדט.

אבער דא איז דא א מורא'דיגע מעשה וואס ברענגט ארויס אז מצד אחד איז ער געווען פול מיט הרגשים, נאר אדרבה, דער גרויסער קדוש וטהור האט זיך

אזוי מחזק געווען אז ער איז געגאנגען העכער פון די טבע און ארויסגענומען כוחות קדושות העכער פונעם שכל אנושי.

די מעשה גייט אזוי: דער ראחמיסטריווקער רבי האט געהאט א שוועסטער וואס איז נפטר געווארן, און זיין טאטע **רבי יוחנ'טשע** איז געווען זייער בצער. האט דער סקווערער רבי געזאגט דעמאלטס פאר רבי בהאי לישנא: "**ווען עס וואלט נישט געווען ביי מיר, וואלט איך דיר גארנישט געקענט זאגן**". דאס טייטש אז דער סקווערער רבי האט געזאגט פאר רבי יוחנ'טשע, זיין מחותן און שוועסטער-קינד, אז ווען ער וואלט אליין נישט דורכגעמאכט דעם צער פון פארלירן א טאכטער, וואלט ער אים גארנישט געקענט זאגן צו מחזק זיין.

ער האט ווייטער ממשיך געווען, וזה לשון קדשו: "**אבער איך ווייס דאך וואס דאס איז**". ער האט געזאגט אז ביי אים אליין איז אויך געשען אזא זאך, און ער האט צוגעלייגט: "**ווען מען דערמאנט זיך אמאל, טוט עס גוט ווי**". דאס מיינט, אז אפילו עס זענען שוין דורכגעגאנגען יארן, ווען מען דערמאנט זיך, טוט עס נאך אלץ גוט ווי. דא האט דער הייליגער סקווערער רבי מגלה געווען, אז יא, עס איז דא צער און עס איז דא ווייטאג, אבער ער האט צוגעלייגט די ווערטער: "**עצבות איז נישט קיין גוטע זאך, עס שלעפט אראפ דעם מענטש, מען דארף מסיח דעת זיין פונעם גאנצן ענין און מען דארף זיך מחזק זיין**".

ער האט מייעץ געווען פאר רבי יוחנ'טשע אז ער זאל אפילו נישט זאגן קדיש, נאָר ער זאל ממנה זיין א צווייטן צו זאגן קדיש, כדי ער זאל קענען מסיח דעת זיין און זיך מחזק זיין.

דער ראחמיסטריווקא רבי פארציילט ווייטער, אז זיין טאטע רבי יוחנ'טשע האט געהאט זיין אייגענעם מהלך אין עבודת השם, און ער האט יא געזאגט קדיש. אבער פונדעסטוועגן, וויבאלד דער סקווערער רבי האט אים געזאגט אז ער זאל ממנה זיין א צווייטן, און 'מצוה לשמוע דברי חכמים', **האט ער ממנה געווען דעם באקאנטן חסיד ר' חיים הערש אייזנבאך זצ"ל ער זאל אויך זאגן קדיש נאך איר...**

פון דא זעט מען ווי הויך די דרכי צדיקים זענען; אז מצד אחד זענען זיי געווען מלא הרגש און האבן געהאט צער, אבער פונדעסטוועגן, פון די אנדערע זייט, איז דער כח הנשמה און דער כח פון זייער הייליגן גוף געווען אויף אזא הויכע מדרגה, אז עס האט זיך מתגבר געווען איבער דעם גאנצן צער און איבער דעם גאנצן ווייטאג.

## סיכום היסודות פון שמחת תורה

לאמיר אבער צוריקגיין צו אונזער ענין בנוגע די הקפות פון שמחת תורה. מען דארף וויסן צוויי זאכן: **א'**, שמחת תורה טאנצט מען אויף להבא. **ב'**, אז דאס טאנצן ביי די הקפות און זיך פרייען שמחת תורה מיט די תורה האט אזא כח, אז עס קען מבטל זיין אלע גזירות רעות און אראפברענגען גאנץ שפע לטובה.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו טאנצן מיט די תורה און מקבל זיין אויף להבא, און זוכה זיין צו אלע ברכות האמורות בתורה: "אורך ימים בימינה, ובשמאלה עושר וכבוד". א לעכטיג קוויטל, געפ'ועל'ט אלעס גוטס!

## = פרנסי חודש תשרי =

השיעורים על הטעלעפאון ליין

נתנדב ע"י
הרה"ח ר' **חיים מנחם**
**ראזינגער** הי"ו
**לזכות ברכה והצלחה**
**בכל הענינים**

הגליון באידיש נתנדב ע"י

הרה"ח ר' **חיים צבי הירש** הי"ו
לע"נ אמו האה"ח **חנצי** ע"ה
בת יבלחט"א ר' **מרדכי** הי"ו
נלב"ע א' תשרי - ראש השנה
ת.נ.צ.ב.ה.

הגליון בלשה"ק נתנדב ע"י

הרה"ח ר' **שמעון**
**דרוממער** הי"ו
**לזכות ברכה והצלחה**
**בכל הענינים**

זכות לימוד התורה דרבים תגן בעדם להתברך בכל מילי דמיטב, וישלם ה' פעלם הטוב ותהי משכורתם שלימה מעם ה'